STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07371

DURKH SHOTN UN SHAYN

Binem Heller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בינעם העלער

דורך שאָטן און שײַן

פאַרלאַג „יידיש־בוך" לאָדזש * 1948

הילע געצייכנט פון י. דייזמאַן

Binem Heller
„Durch szotn un szajn"
Poezje

Wyd. „Idisz Buch" przy CKŻP
Łódź — 1948

Drukarnia R. S. W „Prasa"
Łódź, ul. Narutowicza 32.

דאָס בוך איז געהייליקט דעם אָנדענק
פון מיין מוטער יאכעט בת יהודה = לייבוש
פון מיין שוועסטער חיה = שרה בת נח,
פון מיין ברודער ישראל בן נח,
פון מיין ברודער מנשה בן נח,
וואָס זיינען אומגעבראכט געוואָרן
דורך די דייטשישע רוצחים.

וואַרשע - 1939

I

ס'איז זומער געווען שוין פון לאַנג —
דאָס ברויט האָט געצייטיקט צום שניט.
פאַר דעם, וואָס קערט אום אין זיין לאַנד —
פאַר מיר האָט דער פרילינג געבליט.

דער ווינטער אין פוילן איז שיין
דער האַרבסט וואַרפט מיט גאָלד זיך און שים.
נאָר איצטער, אין זומער אַליין —
פאַר מיר האָט דער פרילינג געבליט.

אַ צאַפּל־געטאָן האָט די ערד
און אונטערגעהויבן איר שאָל:
מיין טראָט האָט זיך ווידער דערהערט,
דערהערט האָט זיך ווידער מיין קול.

ווייל — דאָ איז געשטאַנען מיין וויג
און דאָ האָט מיין מאַמע געוויינט;
ווייל דאָ האָט מיט יאָרן צוריק
אַ פרילינג אין אויג זיך פאַרשטיינט.

פון מערב קום איך איצט אַהער,
כ'האָב ערטער דאָרט שיינע באַקענט.
נאָר ערגעץ נישט האָט נאָך קיין טרער
מיט ליכט, מיט אַזויפיל געברענט.

•

אומזיסט האָט פאַריז זיך געשטעלט
מיט בלייכקייט פון וועגוס אין וועג;
אומזיסט איז נאָך מיר איבער וועלט
דזשאָקאָנדאַ אַוועק אין גײעג.

דעריאָגט האָט זי מיך אין מיין היים,
פאַרצויבערט געבליבן דאָ שטיין.
געמאָסטן איר שמייכל געהיים
מיט ליכט פון מיין קינדיש געוויין.

II

און אָט איז זי ווידער די שטאָט
פון פייכטע און טונקעלע הייף;
די גאַס, וואָס האָט זיך אַזוי גראָד
געוויקלט אַמאָל אויף מיין רייף.

דער הימל — פון אמתן בלוי,
דער ווינטער — פון ריכטיקן וויים,
פרימאָרגנס אין ראָזעוון טוי
און טעג — פול געלאָדן מיט נײַם.

ס'איז הילכיק געוועזן יעדער קלאנג
און שאַרף איז געוועזן מיין געהער.
דאָס פייער פון יעדן פאַרלאַנג,
פאַרלעשן פלעגט גרייט זיין אַ טרער.

די זון האָט געציילט יעדן טאָג,
די נעכט האָבן שטערן געהיט;
די ערד האָט מיט זיכערער וואָג
געלייגט זיך פאַר קינדערשע טריט.

און אַלץ, וואָס דער טאָג האָט געוואָלט,
האָט שטענדיק דער חלום דערגרייכט:
פון הימל — דאָס שטערנדיק גאָלד,
די בלויקייט פון ליכטיקסטער הייך.

די וואָר האָט די קליינע געפאַר
פאַרמיטן גאַנץ לייכט מיט אַ שפרונג.
דערפאַר האָט ביינאַכט דער קאָשמאַר
געוויזן זיין בלוטיקע צונג...

נאָר עמעץ פלעגט שטיל און געהעמט
פון האַרץ ביי מיר נעמען די האַנט.
מיין שרעק איז געבליבן פאַרשעמט
פאַר העלקייט פון וואכן פאַרשטאַנד...

III

אַזוי ווערט מען שטענדיק געשטימט,
ווען ס'לשון פאַרהאַקט ווערט דורך פרייד:
פון טרערן פאַרליינגט זיך די שטים,
פון מוטנע און איבריקע רייד.

מע פרעגט זיך מיר ווען געזונט
און איך ענטפער־אָפּ און איך פרעג.
מיין פנים ווערט רוי ווי אַ ווונד,
צעהאַקט פון פאַרגאַנגענע טעג.

איך ענטפער, פאַרשטייט זיך, אַז גוט,
אַז כ'פיל זיך געזונט ווי אַמאָל.
נאָר טרערן געמישטע מיט בלוט
דערשפיר איך, אין איינעם קול

— כ׳בין, מאַמע, געווען אין דער וועלט,
אַ שטיק פון מיין לעבן צעוויט,
נאָר אומעטום, אומעטום פעלט,
איז נישט צו באַקומען די פרייד!

אומזיסט מיט די פויסטן געקלאַפט —
פאַרהאַקט איז געבליבן די טיר,
און ווער ס׳האָט מיט כוח פאַרכאַפּט.
געשפּירט האָט אַ שונא אין מיר..

געשאָלטן האָב איך דאָס גערויש
וואָס האָט זיך אויף אַספאַלט געלייגט,
די ערדישע גרינקייט פאַרטוישט
אויף שטאָט און אויף שטיינערנער שטייג.

פאַר מיר איז דער איינציקער וועג —
דיין שמייכל געבליבן נאָך פריי;
דורך פרעמדע, פאַרבלאָנקעטע טעג
נאָר דיר כ׳בין פאַרבליבן געטריי — — —

געוויס, איך האָב דאָס נישט געזאָגט —
מיין מאַמע וואָלט דאָס נישט פאַרשטיין.
נאָר ניין, ס׳האָט אַרום איר געיאָגט
פון יעדן באַוועג מיט געוויין...

זי האָט זיך געטאָן בלויז אַ וויג,
גענומען פאַרקאָכן מיר טיי,
באַהאַלטן פאַר מיר שנעל דעם בליק
פאַרלאָפענעם פול מיט געשריי.

IV

נאָר פלוצלינג גייט שנעל אָפ די פרייד
און שטיין כלייבט אין אויגן אַ פלעק,
אויף אַלץ וואָס איז נאָנט ווערט פאַרשפרייט
פון נעפל פון גרויען אַ דעק.

מיט שמייכלען באַגעגענען פריינט,
מיט קושן און וואַרעמע הענט.
— אַ דאַנק, וואָס איר גריסט אַזוי פיין,
אַ דאַנק, וואָס איר האָט מיך דערקענט! —

מיר דאַכט זיך, זיי זוכן אין בליק
די ווינטן וואָס האָבן פאַרפרעמדט;
די פיין פון פאַרלוירענעם גליק,
וואָס כ׳האָב אין די לידער פאַרקלעמט.

מיר ווילט זיך זיי זאָגן: — איך ווייס,
כ׳בין מודה אַליין מיינע זינד.
נאָר איך — כ׳האָב געצאָלט שוין דעם פרייז —
די שטראָף וואָס איך האָב זיך פאַרדינט...

אין יעדער צעשלאָגענער שויב,
ביי יעדן צעבלוטיקטן ייד,
מיין האַרץ איז געוועזן צו רויב,
צו ווייַ איז געוועזן מיין ליד.

נאָר זיכער געדענקט נאָך די גאַס
מיין אייליקן טראָט פון אַמאָל,
ווען כ׳האָב מיט מיין יוגנט און האַס,
פאַר רעכט אויפן לעבן געצאָלט.

און ס׳לעבט ווי אַן עכאָ דער שפּור
פון שווערן און דרייסטן געפּעכט,
ווען כ׳האָב מיט די לידער געשטורמט
די לאַנגע און פינצטערע נעכט!

V

פאַרוואָס גיי איך אום ווי פאַרווירט,
פאַרוואָס איז מיר אָטעמען שווער?
צי האָט מען די שטאָט אַרעסטירט,
די איינוווינער לאַכן פאַרווערט?

ס׳איז אַלץ דאָ פאַרדישעט פון שטויב —
דער שמייכל, די פרייד, דאָס געוויין,
ווי עמיצער וואָלט דאָ פאַרטויבט
די שטאָט מיט אַ זעץ אין די ציין.

כאָטש ס׳זענען די גאַסן פאַרשטאָפּט
מיט גייערס, דאָך פיל איך זיי הויל
די מענגע גייט אויף און אַראָפּ —
צעפּלאָנטערט, פאַרלוירן און פויל.

עס שטייט דער פאַרכישופטער רינג
און ס׳רירט זיך פון אָרט נישט דער טאָג,
אַזוי ווי דער בעטלער, וואָס זינגט
פאַרלוירן אין טומל פון ראָג.

זאָל עמעץ כאָטש טאָן אַ געשריי!
זאָל עמעץ כאָטש ווייזן אַ פויסט! —
וווּ איז זי, די פאָן וואָס האָט פריי
מיט דראָונג אַמאָל זיך אַנטבלויזט?

ווו איז דאָס פאַרביסענע ליד,
דער ריטעם פון שטורמישן גאַנג,
וואָס האָט אונטער פערדישע טריט,
געוועדט און געראַנגלט זיך לאַנג? — —

כ'קוק איין זיך אין הימלישן בלוי —
דאָס הארץ טוט אַ האַסטיקן מאָן:
פון רעגן געוואַשן און גרוי —
דאָרט הענגט נאָך אַ שטיק פון דער פאָן!

מען האָט זי געפליקט מיט די הענט,
מע האָט מיט פאַראַט זי פאַרשעמט,
די זון האָט אויף גרוי זי פאַרברענט,
דער ווינט האָט געווילדעוועט פרעמד.

נאָר דאָרט, אינדערהייך, אויפן דראָט
הייב־אויף דיינע אויגן און קוק:
אויף צינדן אַ פינצטערע שטאָט,
איז אַלץ נאָך געבליבן גענוג!

VI

אַזוי זעט עס אויס אַ פאַרנאַכט
אויב פרידן איז נאָר אויף דער ערד:
די רו ווערט פון שאָטנס פאַרטראַכט,
פון שטערן אין הימל געהערט.

דער ארבעטער קערט זיך צוריק
צו ווייב און צו קינד אין זיין היים
און ס'שיינט אויף זיין פּנים דאָס גליק,
ווי פייער אויף טונקעלן ליים.

דער הימל ווערט הויך און ווערט ווייט
מיט וואָלקנדלעך ווייסע געפלעקט;
אַ קראָ פליט פאַרשפּעטיקט און שרייט,
לייגט נידריק איר שאָטן אַוועק.

דער ווינט בלאָזט פאַרלוירן און קיל
און בלאָנדזשעט אין פענצטער אַרום.
נאָר ס'ענטפערט נישט קיינער. ס'איז שטיל,
דער גלאַנץ אויף די שויבן איז שטום.

די טויב גייט אַריין אין קאַרניז,
די פליגל צום שלאָף לייגט זי איין.
היפּט-איבער די רויטלעכע פיס,
און גייט אין איר חלום אַריין.

און באַלד גיט די גאַס זיך אַ צינד
אין בלויען עלעקטרישן ליכט.
די גרויקייט אויף הייזער פאַרשווינדט
מיט איינמאָל און נאָר אומגעריכט.

און אָט גיסט אַ פענצטער זיך אָן
מיט פרייד און מיט שרייאיקן גלאַנץ,
און ס'יאָגט זיך דאָרט דער פּאַטעפאָן
צום ריטעם פון אייליקן טאַנץ. —

אַזוי זעט עס אויס אַ פאַרנאַכט,
ווען שלום איז נאָך אויף דער ערד.
נאָר ס'ווערט שוין פון שטילן פאַרדאַכט
די רו פון די שטערן געשטערט.

VII

ווער נישטערט דאָס מיט פּראָזשעקטאָרן
אין זומערדיקן אָוונט־רױם?
האָט ווער זיין שטערן דאָרט פאַרלאָרן
און כ'זוכט אים איצט זיין בלייכער טרוים?

אָ ניין, דאָס טרינקען זיך די שטערן
אין כוואַליעס פון אַ פרעמדער שיין.
זיי ווילן אלעמען געהערן
און — ווילן קיינעמענס נישט זיין...

נאָר ווער וועט דען די שטערן שוינען?
מיט בלויען, בלענדנדיקן שטראָם
מען זוכט דאָרט צווישן זיי דעם שונא,
וואָס פליט פון ווייטן אַעראָדראָם.

מיט איבונגען און מיט באַפעלן
צי שלאכט דער הימל ווערט געגרייט;
מיט ליכט פון רעפלעקטאָרן העלע
געשניטן ווערט זיין לענג און ברייט.

און אַלץ גייט גוט — און נאָך דעם איבן
געמאָלדן וועט דער פולער זיג.
דעם שונא האָט מען אָפּגעטריבן
צו זיך אין לאנד אריין צוריק. —

נאָר ס'וואַקסן ווידער אוים די שטערן
איף זייער פעסט־באַשטימטן וועג
און נעמען שטילערהייט צעשטערן
דעב פאַרגעקומענעם געשלעג...

VIII

די נאכט הילט ארום און פארדעקט
נאָר העל, אומפארשעמט איז דער טאָג, —
אין יעדן באגינען מיך וועקט
א וואָיענדיק פרויען-געקלאָג.

און כאָטש שוין צום וויפלטן מאָל
איך הער דאָס פארשפיצטע געשריי,
דאָך ווען איך דערהער נאָר איר קול —
פון בעט אראָפּ לויף איך אויפסניי.

איך עפן דאָס פענצטער און קוק:
די גאַס איז פארלאָזן און וויסט,
אינמיטן פון שטיינערנעם ברוק —
א פרוי מיט צעוואקלטע פיס.

די הענט צו מיין פענצטער געשטרעקט
און וועלפיש פארשארפט איז איר מויל,
פון דאָרטן, אין קנוילן די שרעק,
לויפט-אָן מיט א ווילדן געהויל.

פון שעלטן פארכאַפּט און פארווירט,
איך זע, ווי עס זינקען די ווענט;
איך זע, ווי די לופט ארום מיר
ווערט פינצטער און איבערגעברענט.

— אָ, זאָג מיר, פון וועמען געשיקט
ביסטו צו מיין רו און מיין שלאָף?
פון וואנען ברענגסטו איצט צוריק
די ווערטער פון גרויל און פון שטראָף?

צי קומסטו צו מיר איצט דערפאר,
ווייל כ׳בין מיט דעם טרוים צו אינטים
און איצט, אין דער שעה פון געפאר,
ווילסט זיין מיין פארשוויגענע שטים?

IX

עס האָט נאָך קיינער נישט פרובירט צעשיסן
דעם הימל. זע, ווי בלוי ער איז, ווי ווייט.
נאָר ווי די שטילקייט עמעץ וואָלט צעריסן —
דער זומער איז געשטאָרבן פאַר דער צייט.

ווער האָט די שטאָט אין איילעניש פארפלאָנטערט?
ווער האָט די רואיקייט אין איר פאַרלענדט?
מיין קינדהייט וואָלט אזא זי נישט ־ערמאָנט גאָר,
מיין יוגנט וואָלט אזא זי נישט דערקענט.

די טירן שטייען הפקרע, צעפראלטע,
און איבער שטיגן כליאפעט א געוויין.
מען פרווט די נאָענטע מיט רייד פארהאלטן
און מיט געשרייען שטערן זיי אין גיין.

אומזיסט, זיי קענען לענגער דאָ נישט בלייבן —
מיט פייער איז געצייכנט זייער וועג.
באלד וועט מען זיי אויף ווייטע רעלסן טרייבן
און ווארפן אין א קנויליקן געשלעג.

אָט שרייט מען אוים די לעצטע טעלעגראמען,
זיי נעמען איין מיט רוישיקייט דעם רוים,
ווי ערגעץ וואָלטן שוין די ווייטע פלאמען
דעם האָריזאָנט מיט גלי ארומגעזוימט.

אָ, ניין! דעם טאָג איז נאָך באַשערט אַ שקיעה,
די זון וועט היינט ווי אַלעמאָל פאַרגיין,
די שוואַלבן וועלן פּונקט ווי שטענדיק פליען,
נאָר — לענגער וועט דער אָוונט בלייבן שטיין.

די שטאָט וועט היינט אין ליכט זיך נישט צעצינדן,
די שויבן וועלן פינצטערן פאַרדעקט.
און ס'וועלן שרייען זויגנדיקע קינדער
אין אַנונג פאַר דער קומענדיקער שרעק.

X

געצונדן איז דאָס לאַנד אין אַלע עקן,
ס'פליִיצט דער שונא האָרדעסווייז געדיכט,
נאָר דו, מיין מאַמע, פּרוּווסט נאָך אַלץ פאַרדעקן,
דאָס בלייכע פּנים פאַר די שבת־ליכט.

פאַר וועמען, מאַמע, קומסטו ווידער בעטן?
פאַר וועמען, מאַמע, שטרעקסטו דיינע הענט?
צי ווילסטו איצט דעם פלאַמענדיקן שטח
באַהאַלטן צווישן דיינע שטילע ווענט?

דו פּרוּווסט אויפסניי זיך שטילערהייט פאַרבינדן
מיט יענעם ווייטן אויסגעטרוימטן לאַנד
און ביי די ליכט, וואָס דו האָסט אָנגעצונדן,
דערזען די קינדער אויפן ווייטן ראַנד.

ניין, דיינע הענט, זיי וועלן נישט פאַרלאַטען
דעם תהום, וואָס ליגט איצט צווישן דיר און זיי,
דיין טיכל, ווי אַ ווייסע טויב וואָס פלאַטערט,
דערגרייכט זיי קוים — אַריבער ווינט און ווי.

צי הערסטו נישט, ווי טעלעגראפן־דראָטן
פליען פון די סלופּעס מיט געזשום?
צי זעסטו נישט, ווי ס'ווערט דער וועג פאַרשאָטן,
אַז הימלען שיטן פונקען דיר אַרום?

די ערד ווערט איצט דורך טאַנקען איינגעבראָכן,
מיט דיינע שבת־ליכט דו בלייבסט אַליין,
און איז געשריי פון טויט און פון נצחון,
אַ בעטנדיקע, ווער וועט דיך פאַרשטיין?

דיין שטוב איז איצט אַ שווימענדיקע קריע,
און דו אויף איר — אומזיסט שטרעקסט די הענט,
אַז אַלע ברעגן דיר אַרום איצט גליען,
פאַר דיינע אויגן ווערט די ערד פאַרברענט.

זע, דו אַליין — פאַר גוטע פרומע שטערן
האָסטו דאָס פענצטער מיט פּאַפּיר פאַרשטעלט,
ווי שונאים, טרויסטו זיי נישט אָן די טרערן,
וואָס האָבן זיך ביי שבת־ליכט צעהעלט...

XI

געקומען איז רויִשיק דער דייטשישער פּלאַט
פאַרשיטן מיט שוועבל, פאַרניכטן אַ שטאָט.

דער הימל איז לויטער פון ראַנד ביז צו ראַנד,
און פריי, נישט באַשיצט, ליגט דאָס פּוילישע לאַנד.

דער רוים איז אַ ריינער, פאַרעטעריש בלאָ —
קיין כמארע, קיין שטורעם, קיין אָפּהאַלט נישטאָ.

און פול ווערט די לופט מיט טירענע־געקלאַנג:
— אַנטלויפט און באַהאַלט זיך פאַר ליכט פונעם טאָג.

נעמט צו אייער לעבן פון זון און פון שיין —
אין שטאָט זענען רויב־פויגל היטלערס אריין! —

מע האקט צו די פענצטער, מע לויפט פון די טרעפּ,
פארפלאָנטערטע פּיס און צעשויבערטע קעפּ.

אַ פרוי אין אַ טוך רייסט זיך אָפּ ווי אַ ווינט
און לויפט מיט געוויי אויפן הויף נאָך איר קינד.

אַ טויער פארקלאַפּט זיך אויף ריגל און שלאָס —
דער ציטער גייט דורך אויף די ווענט, אויפן גלאָז.

פארענדיקט האָט זיך דער סירענע־סיגנאל,
און באלד טוט די ערד זיך אַ הייב און אַ פאל.

דער טויער ווערט לייכט און פארלירט פון זיין וואָג,
פארפּראַפּט מיט געשרייען וויגט אום זיך אַ שטאָק.

און פּלוצעם — די לופט טוט אַ קניימש זיך, אַ זעץ,
און ס'וואַרפט זיך די זון אין אַ רויכיקער נעץ.

זי שטיקט זיך אַ רויטע אין טונקעלן קנויל
און ווערט אין די פלאַמען פארברענט און פארקוילט.

XII

אָן שטענדיקן געשוועב פון ווילדע טויבן,
איז שווער די פאַוויע גאַס זיך צו דערמאָנען.
געוווינטע שוין צום שימער פון די שויבן —
זיי זענען אויף מיין פענצטער אָפּט געשטאַנען.

זיי פלעגן וואָרקנדיק פון שלאָף מיך וועקן
און פרווון מיר באשיידן די חלומות,
ס'האָט יעדער פלי געדאַרפט פאַר מיר אנטפּלעקן
פון אומרו — די פארבאָרגענע מקומות.

זיי האָבן ליב געהאַט, ווי איך, דעם זומער
און זעלטענער — אין שנייען זיך געוויזן.
נאָר ווי די פרייד, פלעגט קיינמאָל נישט פאַרשטומען
דאָס העלע וואָרקעריי אין די קאַרניזן.

זיי האָבן ליב געהאַט, ווי איך, די קינדער
און, ווי אין שפּיל, געלאָזט פון זיי זיך יאָגן.
זיי פלעגן, פלינקע, פאַר די הענט פאַרשווינדן,
פון שטאָק צו שטאָק די בלויע בליקן טראָגן.

ווי איך, זיי האָבן גוט געקענט די קראַטן,
די שמאָלע פענצטער פון דער פּאַוויאַק־תּפיסה.
נישט איינמאָל האָבן זיי, פון פרייקייט זאַטע,
פאַרטראַכט געשטעלט זיך דאָרט אויף דינע פיסלעך.

זיי האָבן צו דער שטאָט געבראַכט דעם הימל,
דערפאַר האָט זיי די גאַס צו זיך געטוליעט,
און אָפּגעלאָזטע, ווי אַ פרייהייט־הימען —
דערלויבט זיי ווילדע, הפקרע צו הוליען.

נאָר איצט, ווען ס'האָבן רוישיקע אַוויאָנען
דעם גאַנצן הימל פון דער שטאָט פאַרנומען
און אויסגעהאָנגען פייערדיקע פאָנען, —
זיי פליען אויף, געפּאַכעטע פון זשומען.

נאָר איידער די סירענעס נעמען פייפן,
נאָך איידער עס באַווייזט ווער זיך באַהאַלטן —
זיי שפּרינגען־אָפּ פון ברוק אויף פליגל שטייפע
און זוכן־אויף פאַר זיך די טיפסטע שפּאַלטן.

זיי גראָבן איין די קעפּ, ווי אין געוויטער,
און ווארטן שטילע אָפּ די באָמבאַרדירונג.
און יעדער קראַך גייט איבער זיי מיט ציטער,
מיט יעדן הילך זיי קומען אין בארירונג.

און ווען עס שלאָגן פלאקערדיקע זיילן,
ווען מענטשן לויפן פון פארשפארטן טויער —
זיי פאלן שנעל צוריק ווי בלינדע פיילן
און האָפּסלען ביי אַ ברענענדיקן מויער.

XIII

ווי שווער איז האלטן אָפן איצט די אויגן
אַנטקעגן גלי פון העל־צעפלאַמטן שייטער.
די עראָפּלאַנען זיינען אָפּגעפלויגן,
נאָר ס'גייט די שרפה ווייטער אלץ און ווייטער.

עס קער אוודאי זיין שוין אָוונט איצטער,
נאָר ווער וועט ווו אַ שטערן כאָטש דערבליקן?
די פונקען פליען אויף אין אויפרייס־בליצן,
דער רויך וועט אלע שטערן היינט דערשטיקן.

פון דאַך צו דאַך שפּרינגט איבער שנעל דאָס פייער,
הייבט אויף די פאָן פון רויך און פון בהלה.
די פענצטער רייסן אויף זיך מיט געשרייען
און ברעכן אויס אינדרויסן מיט יללות.

אַ גאַס וויל ראטעווען זיך צו אַ צווייטער,
די צווייטע לויפט אין וואנזין צו דער ערשטער.
און מיטאַמאָל — די שטאָט איז פול מיט פליטים,
דער ברוק ליגט שוין פון עלנט אַ באהערשטער...

מע טראָגט דאָס שטילסטע — ס'ווייסע פון די בעטן;
דאָס שרייענדיקסטע — קינדער אין די טיכער.
די אויגן זוכן ווו אַ פּיצל שטח
פון פייער פריי און פרײַ פון דער רציחה.

אָ, ניין, דעם הימל האָט מען אָנגעצונדן,
אין ערגעץ איז נישטאָ שוין קיין אַנטרינען.
די פונקען לויפן קנוילנווייז און בלינדע,
און אַלץ, וואָס טויג צום ברענען, זיי געפינען.

און דאָס געשריי, דאָס רעווען פון המונים
וועט סיווי קיינער, קיינער נישט דערהערן —
דער חורבן שטייגט צו רוימען אויף מיט שטוינונג,
און אים בלויז — אַלע הויכקייטן געהערן!

XIV

ווער זאָגט, אַז אונדז האָט שוין דאָס פייער פאַרשטעלט,
אַז ברויט איז נישטאָ און אַז וואַסער פאַרפעלט?
געבויגענע הינטער סנאַריאַדן-געקנאַל —
מיר קוקן, ווי ס'בלאָנדזשעט אויף ראַדיאָ דער שטראַל.
אַ כוואַליע די אַנדערע שטערט און פאַריאָגט:
אַ סטאַנציע ווו נאַכט איז, אַ סטאַנציע ווו ס'טאָגט.
זיי פירן איצט אַלע די הייליקע קריג
אין אינטערפּרעטירן בעטהאָווענס מוזיק.

עס שפּילט איצטער לאָנדאָן און ס'ווילט זיך פּאַריז,
זי ווייזט איבער כוואַליעס די נאַקעטע פיס.
נאָך שובערטן האָט זיך פאַרבענקט גאָר די שווייץ
און אונטער דער אויפזיכט פון האַק און פון קרייץ —

די אייביקייט ווערט פון בעטהאָווען דערגרייכט!
די פּלייט איז קאַפּריזנע און צערטלט זיך ווייך,
דאָס פידעלע־סאָלאָ גייט בלאָנדזשען אין וואלד
אויף סטעזשקעלעך שמאָלע הייבט אויף זיך און פאַלט. — —

ווער זאָגט, אז מיר זיינען פאַרשניטן, פאַרשטעלט,
אַז ברוית איז נישטאָ און אַז וואסער פאַרפעלט?
הער אוים, ווי עס פירט זיך די הייליקע קריג
אין אינמערפרעטירן בעטהאָווענס מוזיק.
וואָס דרייסטו, דעם ווייזער, וואָס זוכסטו איצט דאָרט?
ווילסט הערן, ווי ס׳מעלדעט אַן ענגלישער לאָרד,
אַז ס׳פליט אַן עסקאדרע באַשיצן די שטאָט,
אַז ס׳שווימט אין דער ריכטונג פון דאנציק דער פלאָט?

אומזיסט — דאָס איז ווארשע, סטאַזשינסקי איצט רעדט.
ער דראָט און ער שעלט זיך, ער כעסט זיך און בעט.
צעוואָרפענע ליגן די פליטן „פער גינט“ —
פאַר לעצטער אוידיציע געגוג איז דער ווינט.
ער ווערט טראַנסמיסירט מיט אַ הייזעריק קול,
פון פראגע, וו ס׳ברענט איצט אַ קינדער־שפּיטאָל:
— דערבארעמט זיך, בירגער, ברענגט וואסער און העלפט,
פון פייער פארכאַפט איז דאָס הויז אין דער העלפט! —

נאָר ווער וועט דען איצטער פון ראדיאָ אַוועק?
פאַרגאַפט איז דאָס אויג אויפן כוואַליע־געיעג.
און אפשר — דורך דאנען וועט דונערדיק העל
קיין לאָנדאָן אַ שלאָג־טאָן אַ פייער־שראַפנעל?

און אפשר וועט ווו דער בעטהאָווען־קאָנצערט,
פון קינדער־געשרייען דאַך ווערן צעשטערט?
נאָר ניין, עס גייט אָן אַלץ די הייליקע קריג
אין אינטערפּרעטירן בעטהאָוועגס מוזיק.

XV

ווער האָט אונדז געצוווּנגען, ווער האָט אונדז באפוילן
פאַרטיידיקן ווארשע, די הויפּטשטאָט פון פוילן?
די הערשער — זיי זענען שוין לאַנג דאָך אַנטלאָפן,
טאָ ווער וועט באַפעלן און ווער וועט באַשטראָפן?
נאָר מיר, כאָטש מיר גייען אָן פרייד און אָן לידער —
מיר טראָגן ווי וואָפן די לאָמען, די רידלען.
די ווייבער, וואָס שטייען נאָך ברויט אין די רייען —
זיי שאָקלען אויף אונדז מיט די קעפּ די געטרייע.

ווער האָט אונדז באַפוילן? און ווער וועט אונדז דאנקען?
מיר גייען מיט רידלען אַנטקעגן די טאַנקען!
מיר ווילן מיט גרובנס באַשיצן, פאַרצוימען
דאָס פוילן פון וגייטע און ליכטיקע טרוימען...
אַוועק איז מאָשטשיצקי און בעק דער פאַרעטער —
מיר גייען זיך שלאָגן פאַר פוילן פון שפּעטער!

האָב איך דען פון די באַריקאַדן געחלומט,
ווען ס׳האָט מיין נקמה געשווירן באַצאָלן...
נאָר ס׳זענען די שולדיקע פריער אַנטלאָפן,
און אונדז ווייזט מען אָן אויף אַ פעלד מיט קארטאָפל:
— אָט דאָ, אין דעם גרינס זאָלט איר שנעל זיך באַהאַלטן,
ווען ס׳וועט פון דעם הימל דער שונא אַ פאַל טאָן.

אַט ווערן די הענט אונדז מיט גבורה געלאָדן.
מיר גראָבן זיך איין אינעם שטייניקן באָדן
מיר הייבן די רידלען דעם הימל אנטקעגן,
צוריק פאַלט אין פּנים אַ זאמדיקער רעגן. —
ס'וואָלט גוט געווען איצטער די זון צו פארשיטן,
זי זאָל מער די בלויקייט פון רוימען נישט היטן.

איך וויש זיך דעם שוויים פון פארלאָפּענעם פּנים,
איך קוק זיך ארום און איך וויל איצט דערקאָנען
די ערד, וואָס איז נעכטן נאָך רואיק געלעגן
אַ גאַנצע — אַנטקעגן דער זון און דעם רעגן,
און ס'האָבן די שוואַלבן, די זשאַבעס, די פליגן
געזונגען אינאיינעם אַ פרידלעכן ניגון. —

איך הייב אויף דעם קאָפּ און הער איין זיך אין זשומען
מע וואַרפט שוין די רידלען — זיי קומען, זיי קומען!
דער הימל אויף צווייען, אויף דרייען צעפאַלט זיך,
און עמעץ באַפעלט אונדז: באַהאַלט זיך, באַהאַלט זיך!

איך טוליע זיך איין אין די ליכטיקע גראָזן:
ווו האָב איך דאָ ערגעץ מיין יונגנט געלאָזן?
אָ, ערד, זאָל מיך אָפּהיטן איצטער דיין אָטעם,
אָ, זאַפּ מיך אין זיך אזוי לייכט ווי אַ שאָטן!
די לופט איז אַ שונא, דער הימל איז פייער,
נאָר דו ביסט אַ שטומע און דיר בין איך טייער! —

געענדיקט דער אָנפאַל, ס'איז נאָך דעם אַליאַרעם —
צו וואַרשע, צום צענטער לויפט איצט די געפאַר אָן.

און דאָ, קענען מיר פון דעם דאָרף דעם נישט ווייטן,
געבליבן איז שטיין אַ פאַרוואָלקנטער שייטער,
און ס'קרייזן ארום דאָרט די טויבן אין סטייעס,
ווי ס'וואָלט זיי צום פליען געפאָכעט דאָס פייער...

XVI

און פלוצלונג — דער רוים ווערט צערודערט, פאַרטויבט,
און ס'ליגט דער שאָסיי אין אַ וואָלקן פון שטויב.

אין נעפּל, געבוינגן, ווי אונטער אַ ווינט —
איך זע, ווי אַ מחנה אַנטלויפט און פאַרשווינדט.

מיר וואַרפן די רידלען אַוועק אויפן גראָז
און פאַלן אריין אין צעקלאַפּטן אָבאָז.

דער פראָנט איז געבראָכן, און ס'לויפט די אַרמיי,
פאַרפּלאָנטערט אין אייגענעם ווילדן געשריי.

פון הינטן איז אַלץ שוין פאַרמעקט און פאַרגרויט —
עס יאָגט אויף אַ וואָלקן דער שונא, דער טויט.

נאָר וועמען וועט העלפן דער שנעלסטער גאַלאָפּ?
דער וועג איז מיט פורן פאַרלייגט און פאַרשטאָפּט.

— עך, הינטישע זין, גיט אונדז שנעלער דעם וועג
און לאָזט אונדז דערלויפן דעם לעצטן געיעג! —

אַ ראָד ברעכט זיך אויס און לויפט אָפּ אין דער קרום,
דער טרייבער טרייבט ווייטער, ער קוקט זיך נישט אום.

אַ זעלנער לאָזט איבער זיין ביקס אויף דער ערד
און זאָטלט זיך אויף אַ פאַרלוירענעם פערד.

און — אָט איז שוין וואַרשע און אָט איז די בריק —
נאָר אַלץ שטעלט זיך אָפּ מיט אַ זעץ אויף צוריק.

די פערד הייבן אויף די צעיושעטע קעפ,
און ס׳פּויקן די הערצער מיט בולטע קלעפּ.

אַ רגע — דער אָטעם שטעלט אָפּ זיך פאַרוווּרט:
— די בריק איז צום אויפרייס געגרייט און מינירט!

XVII

פאַר ברענגען פון הימל דאָס פייער —
צום פעלדז איז געשמידט פּראָמעטיי.
פאַר ליכט און פאַר וואָרעמקייט טרייער
געשטראָפט האָט מען אים — איך פאַרשטיי.

נאָר איצטער איך ברענג מיינע לידער
אליין אויפן אויטאָ־דאַ־פע
און זע, ווי די אותיות זידן
און לויפן פון פייער אַפער.

ווי גוט וואָלט געווען, ווען דאָס ווייסן
די לידער, וואָס ווערן איצט שוואַרץ:
זיי וואָלטן, צעגליטע און הייסע
געקומען צוריק אין מיין האַרץ.

ווי גוט וואָלט געווען, ווען עס קענען
די ווערטער פאַרשטיין איצט מיין בליק:
זיי וואָלטן אינמיטן דעם ברענען
געוואָרן צו טרערן צוריק.

XVIII

מיין אויג איז פון שׂרפה פאַרבלענדט,
פון ווייטיק פאַרקנוילט איז דאָס האַרץ.
און דאָך — עס באַוועגן זיך הענט
צום טאַקט פון אַ נאָענטן מאַרש.

ס׳האָט ווער ווו געכאפּט אין געהיים
די כוואַליע פון מאָסקווע, געהערט:
עס גייט צו מיין פּוילישער היים
די גרויסע, די רוסישע ערד!

די שרעק פאלט אַרונטער פון גוף
און ווערט אינעם פייער צו אַש.
כ׳הער איין זיך: מיין נאָמען מע רופט
אינמיטן פון חורבן און רעש.

עס ענטפערט מיין יעדער פאַרלאַנג:
— פאַראַן אַזאַ איינער — פאַראַן!
ס׳איז גרייט אין זיין הארצן שוין לאַנג
דער מונטערער פרייהייט־געזאַנג.

געשוווירן האָט ער ביי זיין בלוט,
ביי יעדער באַגייסטערטער טרער:
זיין דראַנג וועט נישט ווערן באַרוט,
און זאַט וועט נישט זיין זיין באַגער —

ביז ס׳וועט אים די רויטע ארמיי
נישט נעמען אין גאַנג מיט זיך מיט;
באַרוישן זיין בלוטיק געשריי
מיט פלאַטער פון פאָן און פון ליד.

XIX

אַ גאַנצן טאָג האָב איך געזוכט
דעם וועג, וואָס פירט ארויס פון פלאָנטער,
געלאָפן פון דעם שטאָט־געריך,
וואָס האָט איצט בלויז אין טויט דערמאָנט מיר.

נאָר ס'איז דער טויט פון אומעטום
אנטקעגן מיר אין רויש געגאנגען,
און אַלע וועגן מיר ארום
פאַרשטעלט מיט רויכיקע פאָרהאנגען.

נאָר איצט, ווען ס'ליגט די שטאָט אָן ליכט —
ברענט שארף און בולט יעדער שטערן.
זיי ווערן שווערער אין געוויכט,
און לייכטן פריש, ווי ערשטע טרערן. —

אָט איז די שטאָט. ס'איז שווארץ און שטיל,
און אַלע הייזער — אין איין שאָטן.
איך זע נישט קיינעם, נאָר איך פיל
פון אַ מיליאָן דעם הייסן אָטעם.

XX

פון זעקס אינדערפרי ביז אין טיפן פארנאכט
אָן אָפּשטעל, אָן אויפהער די לופט האָט געקראכט.

די פליער — אין טשאַטעס פונאנדערגעטיילט —
זיי האָבן די הייזער געגוי שוין געציילט.

עס שווייגט די זעניט־ארטילעריע, ס'איז שטיל,
און ווארשע ליגט הפקר און פריי אויפן ציל.

די באָמבעס, וואָס פאלן, פארשיט מען מיט זאמד,
נאָר ס'ווערן די ראָגן פארוויקלט אין פלאם.

מע ברענט אוים די גאסן אַ ריי נאָך אַ ריי,
מע שטיקט אוים די הויפן מיט רויך און געשריי.

פון טויער צו טויער, מיט פעק אין די הענט —
עס לויפן המונים, נאָר אומעטום ברענט.

בײַ יעטוועדן אָנפּלי מע קאָרטשעט זיך אײַן —
מע וויל אויף אַ רגע בלויז אויפהערן זײַן.

מע וויל אויף אַ ווײַל כאָטש נישט ווערן געהערט,
נאָר בלײַבן, נאָר בלײַבן אַזוי ווי די ערד.

דער טאָג איז אַ פרעמדער, אַ שונא — די שײַן,
דער מויער איז מער נישט קיין שוץ און קיין פרײַנט.

צו טונקלקייט האָפּט יעדער אײנער און רופט:
ס'וועט אפשר די נאַכט זײַן אַ שוץ פאַרן גוף. —

פון זעקס אינדערפרי ביז אין שפּעטן פאַרנאַכט —
אָן אָפּשטעל, אָן אויפהער די לופט האָט געקראַכט.

XXI

שוועסטער מײַנע!

ווען ס'האָט אונדז דער מויער פאַרשאָטן,
ביסטו אין געשרייען פאַרשוווּנדן.
נאָר ווען ס'איז דער שטויב אָפּגעטראָטן —
געווען איז דײַן פּנים אין ווונדן.

דער הימל געגומען האָט ברענען,
די זון האָט אין רויכן געגלוטיקט,
און שווער איז געווען דיך דערקענען,
ווען ס'האָבן די אויגן געבלוטיקט.

דער פליער איז אַלץ נישט פאַרפלויגן,
געזוכט נאָך אַן אָרט, ווו אַ פאַל טאָן,
מיט רעשט פון דײַן בלוט און געבויגן —
מיר לויפן זיך ווידער באַהאַלטן.

איך פיר דיך אוועק אין א ווינקל
און וויקל דיין פנים אין טיכער,
דער שטראָם פון דיין בלוט איז א פלינקער
און לויפט אָן אלץ קוועליקער, גיכער.

נאָר מער נאָך פון אלעם דערשרעקט מיך,
וואָס דו פילסט כמעט שוין קיין פחד.
באלד וועסטו, א בלוטיק־פארפלעקטע,
אנטקעגן דעם טויט זיך צעלאכן...

XXII

טיר־און־טויער צוגעמאכט,
אלע פענצטער גלאָצן בלינד —
פון די טרעפ, אינמיטן נאכט
גייט א טאטע מיט זיין קינד.

אין דעם פאלטן איינגעדעקט,
נישט דערחלומט ביזן סוף —
טראָגט דער טאטע מיט די שרעק,
טראָגט זיין קינד אינמיטן שלאָף.

מאכט זיך אויף א קעלער־טיר —
גוף אויף גוף צונויפגעשפארט.
קיינער גיט זיך נישט קיין ריר,
ווי מען וואָלט אויף זיי געווארט.

אין איין שאָטן איינגעהילט,
האנט צו האנט און קאָפּ צו קאָפּ,
זיצט מען און מע אָטעמט שטיל
און מעווארט אויף עפּעס אָפּ.

פּלוצעם — ווי עס וואָלט אַ ווינט
אָפּגעריסן ווו אַ דאַך
און מיט אימפּעט אים געשווינד
צו דער ערד אַראָפּגעקראַכט, —

גיבן שאָטנס זיך אַ שטעל,
און דער קעלער ווערט צו קליין;
אָרט — צו ווייניק, לויפט פאַרפעלט
פאַר אַ קינדעריש געוויין.

— טאַטע, טאַטע, זאָג מיר ווו —
ווו די מאַמע איז אַוועק?
— קינד מיינס, קינד מיינס, לאָז צורו, —
אין אַ ווייטן, ווייטן וועג.

דאָרט, ווו ס'ענדיקט זיך די וועלט,
דאָרט, ווו ס'ברענט דער הימל רויט,
האָט דיין מאַמע זיך געשטעלט
אין אַ לאַנגער ריי נאָך ברויט.

— טאַטע, טאַטע, הער מע פאָרט,
הער, מע לויפט, הער, מע שרייט.
— קינד מיינס, ליג איין אויף אַן אָרט,
זיכער לויפט מען ערגעץ ווייט... —

נאָר דאָס וואָרט בלייבט שטיין אין קעל,
און דער דיל שפּרינגט האַסטיק אָפּ,
פון די ווענט פאַלט דריבנע שנעל
שטיקלעכווייז דער טינק אַראָפּ.

— טאַטע, טאַטע, כ׳וויל נישט, ניין!
טאַטע, טאַטע, כ׳וויל נישט מער!
צו דער מאַמען לאָמיר גיין
און זי ברענגען דאָ אַהער!

— אוי, דו שלעכטער, אוי, דו קינד,
ווער קאָן איצט אין גאַס אַרויס?
הערסט דען נישט, אַז אויך דער ווינט
זוכט דערשראָקן זיך אַ הויז? —

מיטאַמאָל ווערט אַלץ פאַרטויבט,
שאָטנס מישן זיך צונויף,
פינצטער. שטיקנדיקער שטויב.
עמעצנס אַ שטים: „אַנטלויף“! —

און די מאַמע מיט אַ ברויט
קומען וועט אַהיים צוריק
און דערזען, ווי ס׳האָט דער טויט
מאַן און קינד צונויפגעדריקט.

XXIII

אַז טויזנטער ליגן געקוילעט,
איז ווער וועט זיי ברענגען צו קבורה?
ווו נעמט מען פאַר זיי אַ בית־עולם,
צום פירן ווו נעמט מען זיי פורן?

עס שפרינגען די וועגעלעך קליינע,
באַגלייט פון אַ בלייענעם האָגל.
דאָרט ווערן די טויטע געביינען
מיט טויטן מיט נייע געשלאָגן.

באַדעקטע מיט גרויע כאַלאַטן —
זיי ווערן געשטופּט פון באַגלייטער,
וואָס איילן זיך שנעל זיי באַשטאַטן,
נאָך איידער דער טויט קומט אַ צווייט מאָל...

דער הימל דער גוטער, צעבלויטער,
וועט זיכער דאַקעגן נישט האָבן,
מע זאָל אויף דערווײַלע די טויטע
אין שטאָטישע גערטלעך באַגראָבן. —

ווען האָבן די וואַרשעווער בוימער
פון זאַכן אַזעלכע געחלומט?
און ווען האָט אַ פרילינג אין טרוימען
אַ צוקונפט אַזאַ זיי געמאָלן?

נײַגעריק קוקן די צווײַגן:
מע גרייט צווישן שטאַמען די קברים;
זיי וואַרטן אָפּ רואיק און שווײַגן:
מע דעקט אויף די וואָרצלען די קלאָרע.

באַלד וועלן זיי דאָרטן דערפילן
די נײַע אומהיימלעכע שכנים:
באַלד וועט מען מיט לאָפּעטעס קילע
פאַרשיטן די מענטשלעכע ביינער...

XXIV

אַ טאָג איז צום אָפּגרונט אַראָפּ
און ס'אָטעמט די נאַכט מיט דערוואַרטונג.
אָ וועמען-זשע וואַרט זי איצט אָפּ
מיט פענצטער און טירן פאַרשפאַרטע?

דער גרילץ פונעם שליסל אין שלאָס
ווערט שנעל אינעם חושך פאַרזונקען.
נאָר ערגעץ־ווו גיט נאָך אַ שאָס
די שרפה אין קנוילן פון פונקען.

דער הימל ווערט ווידער דאָן שנעל
מיט שיין אומגעריכטן באַלויכטן,
און ס׳הייבט מיט געבליבענער העלפט
דער שטאָט־סילועט אָן צו טויכן.

אויף שויבן גייט אויף דאָס געוויג
פון שאָטן און חלב׳נעם ליכטל,
עס פרוווט דאַרטן עמעץ זיין גליק —
זיין היים די צעשטערטע פאַריכטן.

און איינער מיט טונקעלע הענט
האָט זיך אין דער פינצטער פאַרפּלאָנטערט:
אינמיטן דעם רייסן אַ פרענט
האָט ער אין דעם פחד דערמאָנט זיך.

אין חלל רייסט־אָפּ זיך אַ שטים
און ווערט ווי פאַרלוירן אין פרעגן.
נאָר ס׳איז נישט די שטילקייט געשפּיסט
צו ענטפערן איצט אויף דער רגע.

זי וואַרט אָפּ אַ טונקעלע ווייל
און ווערט, ווי אין לויער, פאַרזונקען,
ביזוואַנען עס גייט אויף אַ זייל,
אַ פרישער — אין קנוילן פון פונקען.

XXV

ווי גוט איז די שטילקייט די ליבע!
ווי גוט איז די רו פארן לעבן!
צי זענען מיר איבערגעבליבן
דעם שונא זיך אונטערצוגעבן?

דערווייל איז די שטאָט נאָך א פרייע
און וויל נישט קיין מאכט אָנערקענען;
אינגאנצן געהער זי דעם פייער
און וויל ביזן סוף נאָך דערברענען.

נאָר ס׳הוליעט דער גרויל א באפרייטער —
אין ווילדן געוויין און געיאָמער,
איצט קאָן א געשריי טאָן אין ווייטיק
די טענה צו גאָט פון נקמה.

איצט קאָן מען די טויטע באקלאָגן
און שלוכצן מיט אמתע טרערן;
דעם אומגליק וועט קיינער נישט יאָגן,
און וויינען — וועט קיינער נישט שטערן.

וואָס זוכן משוגענע פינגער
אין פייער און צווישן רואינען?
וועט ווערן דעם לעבן דען גרינגער,
אז מ׳עט שוין די טויטע געפינען?

די נאָענטע דארף מען באוויינען,
פארוויקלען אין שווארצע געוואנטן,
די קברים — פארדעקן מיט שטיינער —
אויף אייביק, אויף אייביק באהאלטן...

XXVI

דורך טריומף-טויערן פון העלן פייער
עס קומען אָן סאָלדאַטן מיט מוזיק.
אויף יעדער חורבה ווערט אויפסניי געפייערט
דער שנעל-דערגרייכטער גלענצנדיקער זיג.

ווי רויכיקע און ווינטיקע פאַקעלן,
זיי טראָגן שטיקער פון האָרסט-ווּעסעל-ליד.
פון דעם געזאַנג, פון זייערע באַפעלן
דאָס אויער ווערט פאַרגאָסן, אָפּגעבריט.

זיי פאָרן דורך אויף אַלע מאָרד-מכשירים
און שיטן אויס מיט קלינגעריי די שרעק;
דער פּחד קלאַפּט אין די פאַרמאַכטע טירן
און אויף די שויבן לייגט ער זיך אַוועק.

די שטאָט טראָגט זיי אַנטקעגן פייער-בלומען
און לאָזונגען געשריבענע מיט בראַנד,
די קופּעס איינגעוואָרפענע מהומה —
זיי וואַכן איצטער ווי אַן ערן-וואַנט.

און באַלד גייט אויף, מיט פרעמדקייט און געוודער,
אַ שאַרפע און אַן אָפּגעהאַקטע שפּראַך.
אַ יעדע פראַזע הייבט זי אָן מיט „יודע"
און ענדיקט מיט אַ חוזקדיקן לאַך.

ביי יעדן וואָרט — דאָס בלוט ווערט שנעל אַנטלאָפן
און בלייבט אין האַרץ פאַרגליווערט, אָפּגעקילט.
און יעדער קלאַנג איז גרייט מיט טויט באַשטראָפן,
איז שטענדיק אָנגעשאַרפט און גוט געצילט.

דאָס איז די שפּראַך פון אומקום און פון שווידער —
אין יעדן רוף פאַרשטעקט אַ מעסער זיצט;
די לופט אין שטיקער גוואַלטיקט זי און הוידעט:
„אָ, ווען דאָס יודען=בלוט פון מעסער שפּריצט!"

XXVII

די ערד איז פאַרטויבט, און עס רוישן האַרמאַטן אויף
ווייטע שאָסייען,
און טשאַטעס וואָראָנעס — זיי קרייזן אַרום אין די קנוילן
פון רויך און געשרייען.

ערשט נעכטן בין איך פון מיין היימשטאָט אַרויס,
גענומען אַ העמד און אַ ברויט אויפן וועג.
עס האָט דאָרט נאָך ערגעץ געטליעט אַ הויז
צום זכר פון בלוטיק פאַרגאַנגענע טעג.
געיאָגט האָט אין פּנים אַ שטויביקע היץ,
דער ברוק איז געלעגן צעמישט מיט דער ערד;
געלאַכט האָט דער טויט אינעם ציינער=געקריץ
פון איבערגעלאָזטע צעשאָסענע פערד.
אינמיטן דער גאַס, מיטן קאָפּ אויף אַ שינע,
מיט צייטונגס=פּאַפּיר פאַרהילט און פאַרדעקט,
איז עמעץ געשלאָפן זיין מיתה=משונה
פון קיינעם געשטערט און פון קיינעם געוועקט.

די ערד איז פאַרטויבט און עס רוישן האַרמאַטן אויף
ווייטע שאָסייען,
און טשאַטעס וואָראָנעס — זיי קרייזן אַרום אין די קנוילן
פון רויך און געשרייען.

ערשט נעכטן האָב איך אין מיין היימשטאָט געלאָזט
מיין יונגנט פארשאָטן פון ציגל און שטיין;
דעם טאַטנס מצבה, וואָס טרינקט זיך אין גראָז,
די מאַמע, וואָס טרינקט זיך אין שטילן געוויין.
זי האָט זיך צום וועג פון איר זון נישט פאַרגרייט
מיט תפילה אויף ליפּן, צום הימל געווענדט;
זי האָט אים אַפילו קיין טראָט נישט באַגלייט,
נאָר זיצן געבליבן — פאַרבראָכן די הענט.

די ערד איז פארטויבט, און עס רוישן הארמאטן אויף
ווייטע שאָסייען,
און טשאַטעס וואָראָנעס — זיי קרייזן ארום אין די קנוילן
פון רויך און געשרייען.

איך קען דאָך די גאסן פון לאנג שוין, פון לאַנג,
ס'געדענקט נאָך די שטאָט מיינע קינדערשע טריט,
נאָר איצט איז אַ פרעמד כוליגאניש געזאנג
מיט דייטשישע שטיוול אַריין אין געמיט...
עס ליגן די ראָגן פארשאָטן, פאַרמעקט,
אַ ברודיקער באנד איז דער הארבסטיקער רוים.
עס לעשט זיך די שטאָט, ווי אַ ווונדיקער פלעק,
פאַרציט זיך מיט רויך, ווי מיט אייטער און שוים.
און איך כאַפּ זיך אָן איצט אין עק פון שאָסיי,
אַזוי ווי אין עק פון אַ שווימענדיק ברעט, —
דאָס איז דאָך דער איינציקער וועג, וואָס איז פריי, —
און פירן וועט ער צו סאָוויעטישע שטעט!

די ערד איז פארטויבט, און עס רוישן הארמאטן אויף
ווייטע שאָסייען,
און פשאַטעס וואָראָנעס — זיי קרייזן ארום אין די קנוילן
פון רויך און געשרייען.

דורך שאָטן און שײַן

* * *

ליגט דער האָריזאָנט אין גרויען קלעם,
און אַ נעפּל דעקט די פעלדער צו.
אין דער ווייטקייט גיי איך און פאַרנעם
און זאַפּ אַריין אין זיך די בלייכע רו.

אויף די וויעס קלעפּט נאָך אַלץ דער שטויב,
אויף מיין פּנים בלויט די נשרף־פאַרב.
און דער רוים איז נאָך פון רויש פאַרטויבט,
און די לופט איז טרויעריק און האַרב.

און אין וואַרשע ברענט דער לעצטער שייטער:
איבער חורבות שפּאַנט מיין מאַמע שטום.—
דאָ, אַנטקעגן מיר, אַ רויטער רייטער
נעמט מיט זיין גאַלאָפּ די ערד אַרום.

רויטער רייטער, שטעל נישט אָפּ דיין פערד,
שפּאַן אים אָן צום סאַמע שנעלסטן פלי!
אויב מיין מאַמען איז אַ גרוס באַשערט —
זאָל זי אים באַקומען אינדערפרי.

טרעפן וועסטו צו מיין מאַמעס טיר
נאָך דעם שטילן ריח פון דער נויט. —
רויטער רייטער, נעם שוין מיט פאַר איר
נעם פאַר איינוועגס אַ סאָוויעטיש ברויט!

זאָגן זאָלסטו: אין דער שטילער שעה,
ווען איך בין געקומען אין דיין לאַנד,
כ'האָב געדענקט, אַז זי איז נאָך נישט דאָ,
אַז אויף חורבות וואָגלט זי און שפּאַנט.

איך בין דאָ

וועו מיין היימשטאָט האָט געברענט,
לעשן האָט געקענט דער רעגן.
איז קיין רעגן נישט געווען,
האָב איך זיך מיט היים געזעגנט.

איצטער איז דאָס אַלץ שוין ווייט,
ס׳נעפּלען לאַנגע קילאָמעטערס.
פליט פון דאָרט אַ קראָ און שרייט:
ס׳פאַלן געלע־לאַטע־בלעטער!

קליינע יידן איינגעבויגן,
טראָגן זיי מיט זיך אַוועק.
קליינע יידן — אָנשטאָט אויגן,
טיפע לעכער פול מיט שרעק. — —

איך בין דאָ. כ׳האָב מיין געזאַנג
אָפּגעראַטעוועט פאַר ערד.
אַ פענדעלע אַ רויטס פון טאַנק
האָט מיין שטילע שטים דערהערט.

זאָל זיך שטאַרקן דאָס גערויש,
זאָל צעוויקלען זיך די קייט! —
דער טאַנקיסט, וואָס זיצט אין קויש,
פירט אַוועק אויך מיינע רייד.

ווען ער וועט די גרויסע וועלט
נעמען אויף זיין וויקל־שנור,
זאָל אין גאַנג נישט זיין פאַרפעלט
אויך פון מיר דער שפור.

ביאַליסטאָק 1939

זיי ווידער באַגריסט

זיי ווידער און ווידער באַגריסט,
אָ, ערד! פון דיין טייל, וואָס איז וויסט,
פון דאָרט, ווו צום ערשטן געשטעלט
איך האָב זיך אין מיט פון דער וועלט,
פון דאָרט, ווו איך האָב דעם ארום
באַפוילן צו הערן מיך שטום —
פון דאָרטן קום איך איצט אהער,
אָ, גאַסטפריינטלעך־רוסישע ערד!

זיי ווידער און ווידער באַגריסט!
דאָס איז נישט געוועזן אומזיסט,
אויב ס׳האָט אַמאָל דאָרטן מיין שפּראַך
געקרימט זיך, ווען איך האָב געלאַכט...
אויב כ׳האָב דאָרט דעם שטורעם פאַרשלעפּט
אין שטייג פון מיין ליד און פאַרקלעפּט, —
ס׳האָט דאָך זיך געריסן דער בליץ
נישט איין מאָל דורך ציינער־געקריץ...

זיי ווידער און ווידער באַגריסט!
דאָס אלץ, וואָס מיך קרענקט און פאַרדריסט,
זאָל טליען דאָרט ערגעץ אין קויל.
זיי רואיק, פאַרקריצט האָט דער גרויל
אַ יעטוועדן שפּור פון געוויין
מיט שווידער אדורכן געביין.
דאָס וועט זיך אַמאָל אין מיין בליק
צעגליען, — ס׳וועט קומען צוריק...

זײ װידער און װידער באַגריסט
אָ, ערד! איך שטעל װידער די פֿיס
אויף שװאַרצן און זיכערן גרונט.
מײַן עבר, אַזוי װי אַ װוּנד
זאָל ברענען, אַזוי װי ער ברענט!
אַ שאָד, — נאָר עס איז נישט פֿאַרענדט
מײַן ערשטע באַװעגונג — דער דראַנג,
פֿון אים כ'הייב אָן װידער מײַן גאַנג.

ביאַליסטאָק, 1939.

לעצטע וואַנדערונג

דעם חלום איז שווער צו געטרויען,
און דאָך זע איך פּשוט און פּראָסט:
דעם פרילינג אין גרינעם און בלויען
סאָלט מיר אויף שויבן דער פּראָסט.

כ'בין טאקע אין צימער פארמאכט,
און ס'היטן געטריי מיך די ווענט.
נאָר איצטער אינמיטן דער נאכט,
איצט טריפן מיט גליק מיינע הענט.

כ'האָב היינט ערשט באגלייט אינעם גאנג,
אַ מתנה מיט גרויען געפּעק.
דער צוג האָט געצויגן זיך לאנג,
נאָר קורץ איז געוועזן דער וועג.

אַ לאָזונג אויף רויטן געוואנט
באַלויכטן האָט טונקעלע קעפּ.
און ס'האָבן די טריט מיך דערמאַנט:
מיין האַרץ גיט צו־האַסטיקע קלעפּ. —

מיין אויג האָט גענוג שוין דעם וואנדער,
דעם יאָמער און שטרויכלונג פון טריט.
נאָר איצט איז געוואָרן פאַרוואַנדלט
דער וואָגל — אין מאַרש און אין ליד.

זיי גייען צו פינף אין א ריי
מיט לאָזונג אויף רויטן געוואנט.
און ס'שמעלצט זיך דער פראָסט פון געשריי:
— זאָל לעבן דער ראטנפארבאנד!

עס ווארט שוין אויף זיי ווו א צוג,
וואָס וועט זיי צעפירן אויף ערד.
דער צוג וועט א פייף-טאָן: גענוג!
און אַלץ וואָס געווען — ווערט צעשטערט. — — —

אָ, יוגנט, אויף סמאָטשע פארבליטע —
וועסט בלייבן אויף אייביק אנטשוויגן!
ס'וועט מער זיך נישט דרייען די פליטע
מיט יאָסעלע ראָזענבלאטס ניגון.

כ'האָב היינט אין א פעקעלע גרוי
דערקענט דיך אין פליטים-געפעק.
איצט פירט שוין דער צוג דיך ארויס
אויף פרייען, אויף אָפענעם וועג.

און איצט בין איך פריי און אליין,
און שרייב אזוי פשוט און פראָסט:
דעם פרילינג אין ליכטיקסטער שיין
מאָלט מיר אויף שויבן דער פראָסט.

ביאליסטאָק, 1939.

דערמאָנונג

דעם טאָג צווישן ווייסע מעת־לעתן
האָט שניי זיך געפּרוווט צו פאַרווייען.
נאָר קיינמאָל וועל איך נישט פאַרגעסן
אָקטאָבער געפייערט אין צווייען.

דער ראַדיאָ אויף מאָסקווע געשטעלט,
און ס׳ציטערט מיין האַנט אויפן קנאָפּ.
אַ דריק, און ס׳איז אָפן די וועלט
פאַר מיר, פאַר דיין ליכטיקן קאָפּ.

ביסט נאָרוואָס געקומען פון תפיסה
מיט אונטערגעשלאָגענע נירן.
דיין מויל־שניט איז אַלץ נאָך פאַרביסן,
און פּלייסט זיך אַ שמייכל צעפירן.

נאָר דאָ גייט איצט אויף אַ געררויש
און טרייסלט די שטיינערנע ווענט,
און פּלוצים ווערט אַלץ ווי פאַרטוישט,
פאַרגאָסן פון ליכט און פאַרבלענדט.

מיר קומען אַרויס אויפן פּלאַץ
אינמיטן דעם זינגען אַ ליד,
מיט שלייפעלעך רויטע אין לאַץ,
מיט מוט און מיט פעסטקייט אין טריט.

מיר האלטן זיך אָן ביי די הענט
מיר האלטן זיך אָן אין געזאנג.
מיר לאָזן דאָ צווישן די ווענט
אַדורכדעפילירן אַ טאנק.

אָ זע, עס צערוקט זיך די גאס,
און שווייגנדיק גרייט ליגט דער שניי.
ס׳וועט קומען צו אונדז באַלד אַ גאַסט:
לענין פון מאַוזאָליי!

די ברעמען פארקוועטשט אין דער קרום,
אין רעדן איז אָפן זיין מויל.
ער עפנט זיין פויסט, ווי אַ בלום,
און קלעמט זי צוריק אין אַ קנויל.

זיין קול ווערט באגלייט אין דער ווייט
פון רויטער ארמייער-מוזיק;
ער רעדט, און זיין רעדן באַטייט:
אָקטאָבער איז זיג נאָך אַ זיג!

ס׳ווערט שטילער, און ס׳טראָגט ווער אַוועק
די כוואַליע פון אונדזער געהער.
דער שניי ווערט פון שאָטן פארפלעקט —
ס׳איז אָוונט. ס׳איז טונקל. ס׳איז שווער.

נאָר ערגעץ דאָרט גייט דער גאַלאָפּ,
געפירט פון אַ רויטן מארשאַל.
און ס׳שפּילט אוים מיין האנט אויפן קנאָפּ
דעם „אינטערנאַציאָנאַל“.

ביאַליסטאָק, 1939.

די ערד

דו לויפסט אַזוי לייכט מיט דיין משא,
מיין ליכטיקע ערד.
בלויז איך, מיט מיין יידישער ראַסע —
איך האָב דיך באַשווערט.

האָסטו ביי מיין יעדן מאָל קומען
אינגאַנצן געציטערט.
באַפוילן די פייגל צו שטומען,
צו שרייען — געוויטער.

דער ווינט האָט די ביימער געבויגן
אַוועק פון מיין בליק.
אַהין איז דער פרילינג געפלויגן
אינאיינעם מיט גליק.

מיט זון האָט געוואָסט מיך צו שיידן
מיר לאָזן דעם שאָטן.
און דו האָסט געהיט אַ גן־עדן,
וואָס איז מיר פאַרבאָטן.

דער ים האָט דערזען נאָר מיין פנים
און נעלם געוואָרן.
אַפילו די בלייכע לבנה
האָט רויט זיך געצאָרנט.

אין אומגליק האָב איך דיך געשאָלטן
מיט פלאַמיקער שריפט.
און זינגענדיק — זינקען געהאָלפן
די אייגענע שיף.

טאָ וואָס איז געשען דיר אַצינדערט,
מיין ליכטיקע ערד?
און וואָס האָט געטראָפן דעםווינט דען,
וואָס לויפט נאָר פאַרקערט?

פאַרוואָס קומען צריק אַלע פייגל
און טראָגן מיר ליד?
פאַרוואָס איז דיין שניי אויך מיר איינגן
און שמעקט איצט מיט צווים?

דער ים אויפן לאַנד וויל אַ גיי־טאָן
מיט זילבערנעם שוים.
אויך ער וויל דערשפּירן מיין וויטיק
און טרעפן מיין טרוים.

דו וואַרטסט אויף צו ווערן צעאַקערט
פון מיר אין מיין גאַנג. —
אָ ערד, איך גיי איצט אין אַטאַקע
אויף דיר מיט געזאַנג!

ביאַליסטאָק, 1941.

באַפרייט

פון פראָסט איז מיין אָטעם איצט ווייס
נאָר וויל איך — געשעט באַלד אַ נס:
אינמיטן פון שנייען און אייז
וועט בליען דער בלווילעכער בעז.

דאָס פעלד וועט פאַראַיען זיך גרין.
דער וואַלד וועט מיט פייגל אַוועק.
דער טייך, ווי אַ גאָלדענע שפּין,
וועט כאַפּן דעם גראָזיקן ברעג.

דער הימל וועט בלוי זיין און פריי,
די ווייט וועט זיך אָפּרוקן העל.
דאָס לעבן וועט אויפגיין אויפסניי
און וואַרטן ביי מיר אויף באַפעל.

אַ טעג, וואָס מיין פרייד האָט פאַרפעלט,
איך רוף אייך פון עבר ארוים!
איך גיב אייך צוריק איצט די וועלט:
מיין לאַנד אין זיין ליכטיקער גרוים.

נישטאָ מער קיין טונקעלע זעג
פון קראַטן אויף פינצטערער צעל.
עס זענען איצט מיינע די טעג,
און כ'טו מיט זיי, וואָס מיר געפעלט.

נישטאָ מער קיין היצלישע שטריק
וואָס ציט זיך צו ווערגן מיין ליד.
מיין שטים וועט נישט ווערן דערשטיקט,
דער הימל באשירמט מיך און היט.

די וועלט ליגט פאַר מיר אינדערברייט,
און וויל, איך זאָל ווערן דערהערט. —
די רויטע ארמיי האָט באפרייט,
מיר אָפּגעגעבן די ערד.

ביאליסטאָק, 1939

יאנואר

דאָרט אונטער די קרייצן, אין פינצטערע קברים,
דאָרט ליגן די טאַטעס און קריצן די ציין:
עס גייען די זין איצט מיט ביקסן אויף אָרעמס
דורך ברענענדע דערפער און קינדער־געוויין.

עס ליגן די וועגן אין שטויב און בהלה,
עס מישט זיך די שווארצערד מיט בלוט אויף שאָסיי.
די לופט ווערט דערוואָרגן פון רויך און יללה,
און פורלעך אנטלויפן מיט פרויען־געשריי. —

אויך מיך האָט דער טויט שוין געפרווט ווי אַ זוך־טאָן,
מיין קאָפּ מיט זיין טונקעלן שאָטן באדעקט.
עס האָט אַן אוויאָן ווי מיין לעבן דערגיוכעט,
געקרייזט און מיין אָטעם דערשמעקט.

כ'האָב איבערגעלאָזן די הייזער אין פלאַמען,
צעוואָרפענע ראָגן, צעשינדענע פערד.
געקומען בין איך זיך פון חורבן פארצאמען
מיט שטילער ווייסרוסישער ערד.

דער שניי לייגט זיך קיל אויף צעגליטן זכרון,
און אַלץ ווערט באַרואיקט און אַלץ ווערט געשטילט.
מיין בליק ווערט געלייטערט. אַלץ העלער און קלאָרער
איצט שיינט פון מיין וואנט לעניגס בילד.

ער זיצט אויף דער „פּראַוודע" איבערגעבויגן,
דאָס בלאַט אין די ליכטיקע פינגער פאַרדריקט.
אָ, טייערער איליטש, הייב אויף דיינע אויגן
א ווײַלע און שענק מיר א בליק!

אָ, טייערער איליטש, כ'וויל הערן דיך ריידן,
ווי סטאַלין געהערט האָט דיך קלאָר.
פאַרוואָס זאָל דער טויט דיך מיט מיר איצטער שיידן
אין יאַנואַר, פערציקסטן יאָר?

ניין, כ'וועל דיר דיין טייערע רו נישט צעשטערן
מיט רעגונגען פון מיין געמיט. —
איך וועל בלויז מיט יידישע שריפט און מיט טרערן
דיין נאָמען פאַרשרייבן אין ליד!

ביאַליסטאָק

צום פליער

דעם אָדלער בין איך נישט מקנא,
אזוי ווי מען זינגט דאָס אין ליד.
ער קען מער מיין חלום נישט אָנען,
ער נעמט אין זיין פלי מיך נישט מיט.

ווייל דאָרט, וווּ מיין פרייד וויל פאַרפליען —
זיין הימל דער ברייטער ווערט שמאָל.
דורך נעכט און דורך גרויע פארפריען —
איך בענק איצט נאָך פליגל פון שטאָל .

אָט ליגט איצט דער הימל אַ בלויער,
אַזש ס'פינטלט אין אויגן דער פראָסט.
אָ פליער, מיט פולן פאַרטרויען
אויף דיר בלויז וואָלט איך זיך פאַרלאָזט!

דעם אָדלער בין איך נישט מקנא,
אַזוי ווי מען זינגט דאָס אין ליד.
נאָר דיך וועל איך פּרווון דערמאנען:
— פאַרגעס נישט, מיין חלום נעם מיט!

און אויב וועסט אויף ליכטיקע פליגל
דערגרייכן ביז מאָסקווע דער שטאָט,
זאָלסטו, ווי פארכישופטער ניגון,
זיך דרייען ארום איר אין ראָד.

ביאַליסטאָק, 1940.

זיי רואיק

זיי רואיק, מיין מיידל, זיי שטיל איצט, מיין קליינע —
דו קענסט מיט אַ ריר אַלץ צעשטערן.
איך לערן די זון, ווי אַזוי זי דאַרף שיינען
און אונדז איצט אינגאַנצן געהערן.

נאָר וואָס איז דאָס פענצטער געוועזן פאַרצויגן
מיט פראָסטיקע צווייגן און קרעלן.
און דו האָסט מיט בלויע, מיט וואַרעמע אויגן
פון ווינטער געפּרוווט מיך פאַרשטעלן.

אַ דאַנק דיר, מיין קליינע, דאָס איז שוין נישט נייטיק —
די זון קומט אין שטוב שוין אַריין.
די קרעלן אויף שויבן צעגליען זיך רויטע,
דיין קאָפּ ווערט פאַרגאָסן מיט שיין.

דערווייל האָבן שטראַלן פאַרנומען אַ ווינקל,
דעם שמייכל אויף סטאַלינס פּאָרטרעט.
— די בלומען-טעפּ דאַרף מען מיט וואַסער באַטרינקען,
נאָך איידער די זון זיי דערזעט...

דיין האַלדז איז צעעפנט, פונאַנדערגעשפּיליעט,
דאָס וואַסער אין קריגל איז בלוי.
דיין לויטערע האַנט בייגט זיך אָן ווי אַ ליליע
און טריפט אויף די בלעטער מיט טוי. —

וואָס שווייגסטו, מיין מיידל, וואָס ווילסטו פאַרשווייגן?
צי שרעקסטו זיך איצט פאַר מיין פרייד? —
אַ פייער צעברענט זיך אין פראָסטיקע צווייגן
און וואַרפט זיך מיט פלאַם אויף דיין קלייד.

אויך דאָ, צו מיין טישל, דערגייען די פלאַמען —
דאָס ליד, וואָס איך שרייב, הייבט אָן ברענען.
באַלד וועלן, צעגליטע, זיך מישן די גראַמען,
און כ'וועל מער מיין ליד נישט דערקענען.

ביאַליסטאָק, 1940.

שפּיל

זאָג, מיידל, וואָס וויל היינט דיין טרויער,
וואָס וויל אין דיין אויג אין דעם בלויען
דאָס טראָפּעלע טוי פון דער טרער?

— ס'איז שווער.

דער שניי האָט שוין אויפגעהערט שיטן.
און אפשר גאָר נעמען אַ שליטל,
און אפשר גאָר טאָן זיך אַ שפּיל?

— איך וויל!

טאָ טוליע זיך קלענער און קליין,
ווייל קוים בלייבט דאָס שליטעלע שטיין,
פאַרציען זיך אויגן מיט אייז.

— ס'אַ ניים!

און איצט נעם מיך פעסטער ארום
און קוק זיך אין ערגעץ נישט אום —
די וועלט הייבט־אָן שווינדלען אין שניי.

— אוי וויי!

דאָס פערד הייבט די פאָדערשטע פיס
און שפּאַנט צו דעם רוים, ווי אַ ריז.
צו אונדז פאַלט דער פורמאַן צוריק.

— ס'איז גליק!

גערענק, אז מיר פאָרן אַרוים
פון שטאָט, און עס בלייבט אונדזער הויז
פאַרשניטן פון ישוב און וועג.

— מען מעג!

דאָס פערד נעמט זיין שנעלסטן גאַלאָפּ,
באַלד וועט זיך דיר מישן אין קאָפּ,
באַלד וועט זיך דיר מישן אין בלוט.

— ס׳איז גוט!

אַ בריק אויף אַ בריק — אינדערלענג,
און טייכן, ווי זילבערנע שלענג.
דעם אָטעם האַלט איין פאר געפאר!

— דו נאַר!

ס׳ווערט שטיל. עס פאלט צו דער פארנאַכט.
דאָס גלעקל נעמט קלינגען פאַרטראַכט.
דער ווינט הענגט זיך אויף אויף אַ צווייג.

— שווייג!

ביאליסטאָק 1940.

אַ ווייטע, אַ וואַרשעווער נאַכט

די חברים פון דער הראָישער ק. פּ.

צי ווערסטו אַמאָל דען פאַרגעסן
דאָס קלאַפּן פון האַרץ און דעם שווינדל
פון אויגן, ווען דו ביסט אין געסל
געלאָפן. געוואָלט, ס'זאָל פאַרשווינדן —
ווי רויק נאָך דיין טראָט דער פאַרדאַכט?

אַ ווייטע, אַ וואַרשעווער נאַכט.

די לופט דיר אַנטקעגן געקלונגען
האָט הילכיק, דיין פּנים צעפייערט.
און דו האָסט אין ליכטיקע שפּרונגען
געשפּירט, אַז דיין לעבן איז טייער
און ווערט פון די שפּיצלעס באַוואַכט.

אַ ווייטע, אַ וואַרשעווער נאַכט.

אַריין ביסט אין וואָגן צו אַ ווייטן
באַקאַנטן, געשליידערט פּאַפּירן
פון בוזעם. ער האָט אַ געשריי טאָן
געוואָלט, נאָר פון שרעק זיך נישט רירן
געקענט און געבליבן פאַרשוואַכט.

אַ ווייטע, אַ וואַרשעווער נאַכט.

ביסט שלאָפן אוועק צו דער בעסטער,
דער נאָ'נטסטער — דער אייגענער מאמען —
האָט זי נישט פארשטאַנען מסתמא...
געגאנגען ביסטו צו דיין שוועסטער,
האָט זי זיך געוואקלט, באטראַכט.

אַ ווייטע, אַ וואַרשעווער נאַכט.

און דאָך — האָסט פארהיטן, פארהיטן
דיין גוף, דעם געיאָגטן, געהעצטן,
און ערגעץ, אין עק שטאָט געמיטן
האָט דיך די געפאר שוין די לעצטע —
נאָך דיר האָט אַ טיר זיך פאַרמאַכט.

אַ ווייטע, אַ וואַרשעווער נאַכט.

ביאַליסטאָק, 1941.

ביים בוג

אָ, ליד מיינס, איך האָב דיך געצוימט!
זיי רואיק — פאַר פליגל פון טרוים
פאַראַן איז נאָך שטח גענוג —
דערווייל ליגט געפרוירן דער בוג.

אין בלוילעכן פראָסט ליגט דער טייך —
ס'איז ברעכן די גרענעץ נישט גלייך
און לויפן — אוודאי נישט קלוג,
איצט דאַרף מען פאַרהיטן דעם בוג.

איך ווייס, אַז פאַרשטשעמען די ציין
איז שווער, ווען מען הערט אַ געוויין
פון יענער זייט גרענעץ זיך רוקט,
דאָך דאַרף מען איצט וואַכן ביים בוג.

אָ, ליד מיינס, ווי איך בין דיר ליב!
זיי רואיק, דו ווערסט איצט געאיבט,
צום דרייסטן און זיכערן פלוג
אַריבער דעם בלוילעכן בוג.

די פליגל — אין לייכטן געוויג —
פאַרוואַרפן ווערסטו ווי אַ בריק,
ווען דורכגיין וועט דאַרפן אין צוג —
די פרייהייט פאַר יענער זייט בוג.

ביאַליסטאָק, 1940.

הער מיך אויס

הער מיך אויס, מיין סאָלאָווײ,
איידער נאָך דו פליסט אַוועק:
נעם אויף שמאָלע פליגל צוויי,
נעם אויך מיט מיין גרוס אין וועג.

האָסט דעם פרילינג אויפגעשפּילט
ביז אין זומער אים באַגלייט.
ס׳האָט אַרום די ערד געשטילט
און צום שניט זיך צוגעגרייט.

הער מיך אויס מיין סאָלאָווײ —
איך פלי איצט מיט דיר נישט מיט.
ביז אין ווינטער, ביז זאַווײ
וועט מיר סטאַיען ברויט פון שניט.

צום געדענקען כ׳האָב געניג,
צום פאַרגעסן כ׳האָב אַ סך —
אויף דער גרענעץ היט דער בוג
פון פאַרגאַנגענהייט די וואַך.

האַלב פון לעבן האָט געקאָסט,
אָפּגעסמאַליעט זיך די הענט —
די פאַרגאַנגענהייט פאַרלאָזט
כ׳האָב אויף אייביק און פאַרלענדט.

הער זשע אוים, מיין סאָלאָוויי:
דו דיין ליד היט ווי אַ נס.
איך — דאָס ליד פון ווינד און וויי —
גוט וואָלט זיין ווען איך פארגעס!

ביאליסטאָק, 1940.

ליבשאפט

וואָס שנאה איז — דאָס ווייס איך גוט,
דאָס קען מען ביי מיין קינדהייט פרעגן.
דאָרט האָט דער הימל בלויז מיט בלוט
אין אויגן גלייך אריינגערעגנט.

וואָס שנאה איז — מיין יוגנט ווייסט,
געלאָפן איז זי אַ געהעצטע.
אויף יעדן פרילינג און אויף יעדער טרייסט
איז זי געווען די סאמע לעצטע.

דאָך צוגעגרייט און שטענדיק פריי —
געבליבן איז אין הארץ אַ ווינקל.
דאָס אָרט האָב איך געהיט געטריי,
פון שנאה נישט געלאָזט פארטרינקען.

און איצט, ווען כ׳הייב מיין גוף ארויס
פון דורכגעמאכטן לעבן האלבן —
דערזע איך, ווי עס פליען אויף
פון אַלע פרילינגען די שוואלבן.

איך רוף זיי פאַרזיכטיק פון דאָרט
און פרווו זיי אלע אויפצוזאַמלען:
אַ ליד פון בענקשאפט, וואָרט נאָך וואָרט,
איך הייב ערשט אָן ארויסצושטאַמלען.

נאָר ס'איז מיין צוגעטיילטער צייט
געניג נאָך פרילינגען געבליבן,
און ס'וועט נאָך קלינגען הויך און ווייט
דאָס ליד פון פריינטשאַפט און פון ליבע.

ביאַליסטאָק, 1940.

דאָס זילבערנע גלעקל

דאָס זילבערנע גלעקל פון שליטן
אויף פּוכיקער שטילקייט פון שניי —
גענוג איז, אין הארץ זאָל אַ שניט־טאָן
די בענקשאפט אַ שאַרפע ביז ווײ.

אַהין ווו איך האָב זיך געראַנגלט,
אין קלעמען — צום שווונג זיך געגרייט,
כ׳וויל גרייכן צוריק און דערלאנגען
דורך שטילע, דורך לויטערע רייד.

איך האָב נישט פארגעסן די זאָרגן,
די גרויע, טאָג־טעגלעכע קריג,
ווען כ׳האָב פון מיין טאטן פאַרבאָרגן,
מיין יעטוועדן טראָט, ווי אַ זיג.

און דאָך, ווען אַריבער די יאָרן,
איך קוק איצט צוריק פון דער ווייט —
גייט אויף, ווי אַ פונק אין זכרון,
די הארבע, פאַרגאנגענע צייט.

אַ רויטלעכע שיין גיט אַ פינקל
און וואַשט אָפּ דעם חושך פון ווענט.
איך טוליע זיך ווידער אין ווינקל,
ווו ס׳אייזערנע אייוועלע ברענט.

עס שווינט נאָך פאַרפינצטערט די מאמע,
נאָר איך ווער צום זינגען געדרענגט;
און איך קוק אריין אין די פלאמען —
פאַרכאַפּט פון דעם העלן געזענג.

און ווען ס׳ווערט דאָס פייער אנטשווינגן,
ווען ס׳שטיקט זיך אין אַשן דאָס קול —
הייבט אָן עו׳שט צו לעבן דער ניגון
אין פלאַמיקע רייד אויף מיין מויל.

ביאַליסטאָק, 1941.

מײַן לעבן...

מײַן לעבן, דער שמייכל װאָס כ׳טראָג
דורך דיר אין די אָפענע צײַן,
מיט יעדן פאַרגאַנגענעם טאָג —
ער לעשט זיך און הייבט אָן פאַרגיין.

בײַ דיר איז דאָך קיינמאָל נישטאָ,
קיין ליידיקע, פרײַע מינוט,
װאָס כ׳זאָל זי נישט קענען פאַרטאָן,
װאָס מיר זאָל נישט זײַן מיט איר גוט.

די טעג פון דער לויטערער זון,
די טעג פונעם האַרבסטיקן װינט —
זײ װײַסן, אַפּנים, דערפֿון
און לויפֿן, אַנטלויפֿן געשװינד.

און דאָך — װען מען קען און מען מעג,
און דאָך — װען איך װײס אַזאַ שפּרוך —
איך װאָלט אויף אַ צײַט כאָטש אַװעק,
אַװעק אויף אַ שטילן באַזוך.

פֿאַר געבן אײן-אײנציקן בליק
אַריבער די צענטליקער יאָר —
באַצאָלן כ׳בין גרייט פֿאַר דעם גליק
אַ קאָפּ מיט פֿאַרפֿרוירענע האָר.

כ׳וואָלט אפשר ביים שיין פון די טעג,
וואָס זענען פון לויף נאָך צעגליט,
דערזען, ווי פון בלוט און געשלעג
די ערד גייט אַרויס מיט אַ ליד.

ביאליסטאָק, 1940.

פון אמאָל

זאָל איצטער דעם דרויסן פאַרשטרייכן
דער פראָסט מיט זיין בלוילעכן שימער —
איך וועל צום פאַרגאַנגענעם גרייכן
פון דאַנען, פון וואַרעמען צימער.

באַגריסט זיי, מיין האַסטיקע יוגנט!
געבענטשט זאָל איצט זיין דיין אַנטפלעקן!
ביסט איינמאָל אַוועק נישט באַגנוגנט,
אויף קומען צוריק און מיך וועקן...

וואָס ווילסטו, מיין יוגנט, מיר ברענגען,
חוץ האַרבקייט פון דיינעם אַ ווינטער,
חוץ ביימער, וואָס גלאָצן דאָרט שטרענגע
ווי צלמים אויף שנייאיקע צווינטערס?

דו לויפסט זיי פאַרביי מיט דעם אימפעט
פון צוג צו פאַרכמורעטע ווייטן.
דיר ווילט זיך מיט רעדער-געקלימפּער
אַנטקעגן דער שטילקייט אַ שריי טאָן.

אַ רעגע — דיין ליד וועט באַלד מוזן
אַ בלענד טאָן ווי פייער צעפלויגן!
נאָר רואיק! געהיט ווערט דיין מוזע
פון גרויע, פאַרדעכטיקטע אויגן...

באוויזן צום שטעטל דערלאַנגען —
דער שפּיצעל שטייגט אויס, ווי דיין שאָטן.
דו שפּירסט, ווי דער שנײ ווערט צעגאַנגען,
דורך אים אין אַ בלאָטע פאַרקנאָטן.

פון הינטער צעוואָרפענע פלויטן,
אויף קופּעס פון מיסטיקע ברוכן —
עס שפּאַנען וואָראָנעס פאַרגרויטע,
ווי הינער — אין רואיקן זוכן . . .

דו הייבסט אָן די פינגער פאַרקלעמען —
צום יאָגן דו מאַכסט אַ באַוועגונג.
נאָר ס'קומען אָן יאטן דיך נעמען
צום קלוב — איבער זייטיקע וועגן . . .

יעדע זאַך, וואָס גייט אוועק...

א יעדע זאַך, וואָס גייט אוועק
און ווערט דערווייטערט פון דעם בליק, —
קומט שטענדיק דורך אַן אַנדער וועג
אינגאַנצן אומגעריכט צוריק.

— גיי אויף, גיי אויף, אָ, מאַרסעליעז!
כ׳וועל ביזן סוף מיט דיר באַנאַנד
אוועק צוריק צום פּער־לאשעז,
אוועק צו דער קאָמונע־וואַנט.

דורך גרענעצן און שטעכל־דראָט,
מיט העלן פיבער פון א פונק
אַריבער רוים — אין האַלבן ראָד —
מיט דיר, מיין האַרץ, וועט טאָן א שפּרונג.

— גיי אויף, גיי אויף, אָ, מאַרסעליעז,
דערלאַנג צוריק די רויטע פאָן!
און ווידער פיר, מאַרים טאָרעז,
דעם צוג פון קאָמונאַרן אָן!

אינצווישן אָקופּאַנט און טיער,
אויף נייעם חורבן, פרישן גרוז,
עס קומען ווידער דאָ אהער
די אייניקלעך פון דעלעקליוז!

נאָר נישט מפּלה, נישט דער טויט
פֿאַרלענקען וועט דעם לעצטן טראָט:
די פֿאָן איז פֿון דערפֿאַרונג רויט,
פֿון איר מיט סערפּ און האַמער דראָט!

ביאַליסטאָק, 1940

באַגעגעניש

איך קום איצט פון ליכטיקן דרום,
די זון קוקט אַרויס פון מיין בליק.
צוויי טעג און צוויי נעכט אָפּגעפאָרן
און זיך נישט דערוויטערט פון גליק.

פאַרברענט האָב איך דאָרטן דעם שאָטן,
דערטרונקען אין גרינלעכן ים,
מיין שטים האָט גענומען דעם אָטעם
פון פרילינג און פריידיקן פלאַם.

מיך האָבן באַגלייט קיפּאַריסן
און שלאַנקע — געצויגן די קעפּ;
נאָך מיר האָט דער ים זיך געריסן
אַזש ביז צו דעם גאָלדענעם סטעפּ.

און דאָך נישט געקענט איבעריאָגן
דעם זיכערן לויף פון מיין צוג.
ער וואָלט מיך, ווער ווייסט, ווו פאַרטראָגן,
ביי מאָסקווע געזאָגט כ'האָב: גענוג!

אַרויס און זיך גערן פאַרפּלאָנטערט
אין רויש און אין מענטשן-געדראַנג.
ס'האָט מאָסקווע געוואַרט ווי אַ יום-טוב,
אַ צוגעזאָגטער פון לאַנג.

אָ, מאָסקווע, איך האָב דיך באַגעגנט,
ווי כ'האָב נישט באַגעגנט קיין שטאָט,
אַז מיר איז אין גליקלעכער רעגונג
דיך טיילן אויף גאסן אַ שאָד.

ביסט אפשר פון נאָענט נאָך שענער —
וואַרט צו, כ'וועל מיט דיר ערשט באַקאַנט.
ביים קרעמל וועל איך דיך דערקענען:
מיין הויפּט־שטאָט אין יעדערן לאַנד!

צו יעדן פון מיינע באַגערן
פון דיר האָט מיט צוזאָג געווייט.
דיין רויטער פינפעקיקער שטערן
האָט שטענדיק מיין חלום באַשיידט.

איצט שטיי איך אין דיינע געררוישן
און ס'איז מיר אַ שאָד די מינוט,
און ס'איז מיר אַ שאָד איצט צו טוישן
אין הארצן דאָס רוישיקע בלוט...

מאָסקווע, אָקטאָבער, 1940.

גייענדיג דורך מאָסקווע

איך בין אַ בירגער פון דער גרויסער שטאָט
און קען דעם גאנג דורך שטאָטישע געפאַרן.
אין וואַרשע נאָך האָט זיך געאיבט מיין טראָט
פון צווישן אויטאָס מיך אַרויסצונאַרן.

און שפּעטער — אויף די פלעצער פון פּאַריז
פון מאָטאָר־רויש פלעג איך זיך איבערוועקן.
און איידער וואָס — דעם שפּור פון מיינע פיס
די גומי־רעדער פלעגן שנעל פאַרמעקן.

איך דאָ, אין מאָסקווע, מיט געפּרווטן גאַנג
אין צווישן אויטאָס גיין וואָלט איך באַוויזן.
נאָר דאָ וועל איך דעם אימפּעטדיקן דראַנג
נישט שטערן מער מיט הפקר־שטיק פּאַריזער.

איך וויל, אַז לייכט, אין ריטמישן געוויג
זאָל גיין אויף מאָסקווער ברוקן די באַוועגונג,
אַז די געפאַר זאָל אויף קיין אויגנבליק
נישט אָפּשטעלן די רעדער אויף די וועגן.

איך וואַרט געדולדיק אָפּ, מיליציאָנער,
איך וואַרט אויף דיינע זיכערע סיגנאַלן.
דיין פייף אינמיטן פון גערויש איך הער,
איך זע די דראָונג פון די רויטע שטראַלן.

און אויב מע דאַרף דאָ אומגיין — בין איך גרייט,
און קרום וועל איך נישט איבערגיין אויף ראָגן.
אויף יעדן אומוועג נעם איך מיט די פרייד
און אַדרבה — מיר איז ליב זי טראָגן...

ביים לענין־מאַוזאַליי

צו שנעל האָט דאָס לעבן געיאָגט,
צו אָפט האָט געדראָט מיר דער טויט.
דאָס בלוט וואָס מיין האַרץ האָט פאַרמאָגט,
אין פלאַס איז געוואָרן פאַרגרויט.

פאַרוואַקסן ווערט יעדעס געפיל
מיט ווערטער, מיט ווערטער, ווי ראָסט.
איז גוט, וואָס אַמאָל, אין דער שטיל
צעוויינען זיך קען מען נאָך פראָסט.

איך רייס אָפּ, כאָטש ס׳קומט מיר אָן שווער,
די ווערטער — אַ שיכט נאָך אַ שיכט,
ביזוואַנען כ׳דערגיי צו דער טרער, —
דעם אורקוואַל פון אמתן ליכט.

אָט שטיי איך אַ טראָט פון מיין טרוים,
אַ טראָט פון מיין דרייסטן פאַרלאַנג:
באַלד גרייך איך, ווו ס׳האָט אמאָל קוים
דערגרייכן געקענט מיין געזאַנג!

איך צייל יעדן טראָט און איך וויל,
אַז ציילן זאָל איך ביז אַ מייל;
אַז קומען אַצינד צו מיין ציל
איך זאָל נישט דורך גרויען געאייל.

גענוג האָט אין לויפן די ערד
געשווינדלט אַמאָל אין מיין בליק:
מיך האָט דאָך געבראַכט דאָ אַהער
סעפּטעמבער דורך גרויל און דורך גליק!

און איצט, ווען איך קום נאָך מיין לוין —
זאָל ווערן געצייכנט דער טראָט;
זאָל ווערן די רגע געשווינט —
דער אייביקייט שענקען אַ שאָד.

און אַז איך וועל לעגינען זען,
פֿון וואַרטן זאָל איך זיין צעגליט,
און זאָל מיט מיר דעמלט געשען,
ווי שטענדיק, ווען ס'רייסט אויף אַ ליד!

מאָסקווע, סעפּטעמבער, 1940.

דער העלד

כ׳בין צוגעווינט שוין געוואָרן,
אינמיטן גערויש פון פאַבריק
און אונטערן זשום פון מאָטאָרן,
צו טראָגן אין שטילקייט דאָס גליק.

פאַר אָטעם פון ווינטן פּאָליאַרע
די גלאַנציקע שויבן איך לאָז;
פון פּראָסטיקער שפּיל אין געפּאַרן —
איך צויבער אוים בלומען אויף גלאָז.

דאָס ליכט פון דער זון אָפּגעריבטע —
אין זיכערע ווענט איז פאַרשפּאַרט;
אין נעץ פון געוועבן פאַרשטויבטע
דער פרילינג ווערט ווידער פאַרנאַרט.

ביים שיין פון טראַנסמיסיע-געציטער
באַפעלעריש שטרעקט זיך די האַנט
און רייסט מיט באַוועגונג געניטער
פון וואָל און ענערגיע — געוואַנט.

געווים, ס׳בלייבן איבער די רוימען,
צום קלינגען און וואָיען פון ווינט.
נאָר עמעץ א העלד וויל פאַרצוימען
פון ווינטער — א וויינענדיק קינד.

אָט גייט ער איצט צווישן די שטולן
און היט פונעם וועב — דאָס געיעג.
ער איילט זיך די נאָרמע פֿאַרפֿולן
און וואַרפֿן דעם פּראָסט אין געשלעג.

און אין דער מינוט פֿון דערגרייכן
צום ציל פֿון פֿאַרמעסט און רעקאָרד
גייט־אויף אויף זיין פּנים דער שמייכל
פֿון זיג איבער שנייאיקן נאָרד.

גרייט

אָ, ליד מיינס, רעדסט איצט שטיל,
ביסט גרייט מיט לייכטן שווונג
צו פֿאַלן יעדן ווונק —
אָ, ליד מיינס אין ציוויל.

צו יעדער רעגונג גרייט
ביסטו מיט מיר איצט גלייך,
און ווי דעם גרונט דער טייך
די שפּיגלסט אָפּ מיין פֿרייד.

נאָר ווען די שעה וועט זיין,
און גרייכן וועט דער רוף
און קומען וועט דער פּרווו —
וועסט שטיין אין פֿייער־שיין.

מיין ליד אין אַ מונדיר,
אין גרויקייט — שטרענג און הארב —
אויב ס׳טרעפֿט מיט מיר איך שטאַרב
און כ׳טו זיך אוים פֿון דיר;

אויב כ׳וועט דעם שונאס קויל
דערגרייכן צו מיין קאָפּ,
דו בלייב און שייד זיך אָפּ
פֿון שטאַרבנדיקן מויל.

האלט אײַן דעם הײסן גלי,
דײַן שנאה טרײַ פֿאַרהיט,
און קײנמאָל זאָלסטו, ליד,
ניש שט ברעכן זיך אין פּלי.

מיט אונדזער רויטער פֿאָן,
צום לעצטן שטורעם פֿיר.
אויב כ'האָב געלעבט פֿאַר דיר —
דו הייב ערשט לעבן אָן!

ביאַליסטאָק, 1941.

מיין מאמע אין געטא

די ווערטער, וואָס טויגן אויף לידער,
צעברעכן זיך שוואכע און דינע.
זיי זענען מיר איצטער דערווידער
און כ׳וואַרף זיי פון זיך אָפּ מיט שנאה.

ס׳איז ווייניק, איך זאָל זיי פארסמען
מיט בראנדיקן אָפּגאָס פון טרויער —
ס׳איז אלץ נישט די שפראך פון מיין מאמע,
אין ווארשעווער געטאָ פארמויערט!

גיב ווערטער, פון וואנזין צעברענטע,
גיב ווערטער פון פלאם און פון פיבער! —
זיי וואָלטן זיך אפשר דערגענטערט,
דעם מויער פון געטאָ אריבער.

אזוי — בלייבן איבער די וועגן,
אויף וועלכע עס גייען די שטערן.
אין יידישן געטאָ זיי מעגן
נאָר שיינען אין אָפּגלאַנץ פון טרערן.

זיי זעען מיך איצט דאָ א פרייען,
אין לאנד פון די גלייכע — א גלייכן,
זיי ווייסן — כ׳וועל בלייבן א טרייער,
מיין ווילן די עולה צו שטרייכן.

זיי ווייסן — דעם האַס כ׳קאָן פאַרבאָרגן,
נאָר בלייבן וועט ער דער געיעכטער.
און אויב איך וועל מאָנען ערשט מאָרגן,
נאָר מאָנען וועל איך אויף פאַר נעכטן...

ביאַליסטאָק, 1940.

אפהלאנג פון דונער

ווו זאָל איך מיין רו איצט געפינען?
פון הינטערן זיכערן מויער
דערגרייכט מיך דער אָפּקלאַנג פון דונער,
דער רויש פונעם ווינטיקן וואָיען.

די פרייד איז געקומען, פארפלויגן,
און איצטער, דורך ווי און דורך פיבער,
דורך רויטע, פארגאָסענע אויגן —
דאָס אומגליק שווימט ווידער אריבער.

די גרענעץ ווערט איצטער געבראָכן,
דורך גרויע קאָשמארן פון הונגער.
אָט הער איך פון זייערע קנאָכן
דאָס לויזע אומהיימלעכע קלינגען.

דער טיפּוס אין רויטלעכן ברענען
הילט אלע געשטאלטן צוזאמען.
אָ, ווי וועל איך קאָנען דערקענען
אין צווישן געשפענסטער מיין מאמען?

ווי אלע פון אומקום באדראָטע —
זי טראָגט בלויז איר שרעק אויף די ברעמען.
א דינע, געהילט אין איר שאָטן,
זי לויפט, כאָטש זי ווייסט נישט צו וועמען.

אָ, גרענעצלער, רויטער ארמייער!
ביי רעטונג אויף לעצטער פון שוועלן —
פאַר לעצטן געשריי פון געשרייען —
מיט ביקס זאָלסט דעם וועג נישט פארשטעלן!

ביאליסטאָק, 1941.

אַ בוים

אַ פּויער מיט האַק און מיט זעג
פאַרמאָסטן האָט זיך קעגן וואַלד.
אין אימפּעט פון הייסן געשלעג —
זיין כוח געשטילט מיט געוואַלט.

געכאַפּט אויפן שלייף פון דער שטריק —
דער בוים האָט נאָך לאַנג זיך געווערט
און שרייענדיק, פירנדיק קריג —
געזעגנט נאָך זיין זאַפט פון דער ערד.

דער שטאַם האָט געוואָיעט, געקרעכצט,
מיט ווי זיך פון וואָרצל געשיידט,
געפאַלן, באַזיפצט און געפּעכט,
אַ טויטער איז ער אין דער ברייט.

אַ פייער האָט אין שטאַם אים געברענגט,
אַ העקער — אויף שייטער צעהאַקט.
דער שטאַם האָט צום וואַלד נאָך געבענקט
ווען כ'האָב אים אין אויוון געפּאַקט.

מיט שוועבעלע האָט איך געשווינד
פון זון אָפּגעריסן אַ פונק,
און באַלד האָט אין קוימען דער ווינט
געטאָן דורך די פלאַמען אַ זונג.

אין שטוינונג געזען כ׳האָב, ווי שנעל
דאָס האָלץ ווערט באַהאָפטן פון פלאַם;
ווי ס׳וואַקסט אויס אין פייער איצט העל
אויפסניי דער צעבראָקלטער שטאַם.

אין צווייגן צעגייט זיך דער רויך,
אין בלוילעכע פלעמלעך — דער צווייט.
אין פלאַקער אַרויף אין דער הייך —
ער רייסט זיך אינגאַנצן און ציט.

און אַט — פון די קוילן צעגליט —
דער בוים גייט אַ גאַנצער אַוועק;
ער שטעלט זיך אויפסניי און ער בליט,
און ווידער — אַנטקעגן די העק.

ביאַליסטאָק, 1941.

דער זומער איז לאַנג שוין פאַרגאַנגען

דער זומער איז לאַנג שוין פאַרגאַנגען,
זיין שפּור האָט דער נעפּל פאַרווישט,
נאָר ס׳זענען נאָך מיינע געזאַנגען
מיט זון און מיט הימל געמישט.

ווער פּויקט אין מיין שויב מיט די פינגער?
ווער רייסט מיך אַוועק פון דער פרייד?
פון מיר, דעם געשווירענעם זינגער,
דער האַרבסט וויל איצט ווערן באַגלייט?

נאָך מיר איז געקומען דער רעגן,
נאָך מיר איז געשיקט איצט דער ווינט —
עס וואַיעט דער האַרבסט אויף די וועגן
און איז שוין פון זוכן מיך בלינד.

אומזיסט איז זיין ברעכן די צווייגן,
ער וועט נישט דערהערן מיין ליד!
איך וועל אים פאַרמיידן, פאַרשווייגן,
ווי ס׳שווייגט איצט די ערד נאָכן שניט.

גענוג האָב איך האַרבסטן באַגראָבן,
אין בלוט זיי באַהאַלטן, אין האַרץ;
גענוג האָבן לידער ווי ראָבן
פאַרצויגן מיין הימל מיט שוואַרץ.

פון מאָרגנס פון אַלע די זונען
נאָר זיי כ'האָב מיין לעבן פאַרטרויט,
איך הייב שוין אָן צו געפינען
אין שיין פון געשניטענעם ברויט.

ביאַליסטאָק, 1940.

* * *

וואָס האָט עס מיט היינטיקן הארבסט זיך געטראָפן?
פאַרוואָס איז ער שנעלער ווי שטענדיק אנטלאָפן?
פאַרוואָס האָט ער שנעלער די בלעטער געוויקלט?

ער האָט דאָך געדאַרפט מיך אזויפיל דערמאָנען:
מיין אייגענע קינדהייט, וואָס איז מיר מקנא
און שטייט ביי אַ שויב מיט פארלאָפענע בליקן...

וואָלט ער כאָטש פאַר אַלע פארגאַנגענע צייטן
צעוויגט אין מיין בלוט די פאַרכמורעטע ווייטן,
וואָס זענען געבליבן מיט נעפּל זיך שטיקן!

וואָלט ער כאָטש פאַר אַלע פאַרגאַנגענע יאָרן
געלאָזן איין-איינציקן בוים אין זכרון —
דעם בוים, וואָס האָט אַלץ נישט געפונען קיין תיקון.

און ער האָט די גאָלדענע בלעטער צעשאָטן,
דעם הימל מיט שנייען און רעגנס פארקנאָטן.
ווי קומט זי צו מיר, אָט די שטילע אנטציקונג?

ווי קומט עס, אַז הארבסט זאָל אַזויפיל באַגליקן?

ביאַליסטאָק, 1940.

דער טרויער

דער טרויער איז אייביק, דער טרויער וועט בלייבן,
ווי ס'בלייבט דער טומאַן אויפן פעלד נאָכן שניט.
ס'וועט שטענדיק אין הארבסט אין האַרבסט אויף מיר ווארטן אַ שײַבל
מיט וואָלקן און ווײַטע פארלוירענע טריט.

דער טרויער איז אייביק — די ווינטן געניטע
פאַרטרײַבן די בלעטער איז געלקײַט, אין סם.
אויף אונדז בלויז האָט איצטער פארלוירן זיין שליטה
דער אייביקער טרויער — אויף מיר און מײַן שטאָם.

ער קלעטערט, דער טרויער, אַרויף אויף די אַקסל,
געוווינט ווערן וויל ער צו פרייד אין מײַן בליק,
ער שווערט נישט, ער שטערט מיר נישט מער אין מײַן וואַקסן
און לערנט אליין זיך צו ברענגען מיר גליק.

ער ווייסט, אַז ער דאַרף אין אַ ווינקל פאַרקריכן
און וואַרטן אויף גרויער, פאַרנאַכטיקער שעה;
דערנענטערט זיך שטיל פון דער זייט און נישט זיכער —
ער קומט, ווען דאָס ליכט איז אַ ווײַלע נישטאָ.

איך טרייסל אים אָפּ מיט דער זעלבער באַוועגונג,
מיט וועלכער איך שאָקל אַרויף מײַנע האָר,
ער טרעט אָפּ אַ בלייכער, אויף אייביק געזעגנט,
און אַלץ, וואָס איך ווייס, ווערט מיר מערער נאָך קלאָר.

ביאַליסטאָק, 1941.

פאַראַן אַזאַ ליד

פאַראַנען ביי יעדן אַ ליד,
וואָס גייט דורך זיין לעבן, ווי בלוט,
ווי ריטם פון אייגענע טריט —
פאַראַן אַזאַ ליד.

דו האָסט עס אמאָל שוין געהערט,
און דאָך קלינגט עס ניי, ווי אַ נס,
דער שמייכל שיינט אויף דורך אַ טרער —
דאָס ליד ווערט דערהערט.

עס טרעפט זיך אַמאָל אַ פאַרנאַכט,
מיט שאָטנס פאַרציט זיך די שויב.
דאָס ליד, אין אַ פאַרביקער טראַכט,
קומט אָפּטמאָל פאַרנאַכט.

די קלאַנגען צעשיטן זיך העל,
און דו גייסט פון שאָטן אַרויס —
אַ זינגער מיט שטרענגן באַפעל:
די נאַכט זאָל זיין העל!

באַלד פאַלן פונאַנדער די טעג
און ס'בליאַסקעט דיין קינדהייט אַרויס —
פון שמאַטעס — אַ טייער פאַרמעג —
פון צווישן די טעג.

און ס'טרעפט זיך אַמאָל אינדערפרי,
דו איילסט דורך די טרעפּ, דורך דער גאַס —
אַ פּינטל אין זון-שטויב-געפלי,
עס טרעפט אינדערפרי.

דיך שווימען די אויטאָס פאַרביי,
דו הערסט נישט דעם דראָונג-סיגנאַל,
ביסט טויב פאַר דעם העכסטן געשריי,
דו לאָזסט עס פאַרביי.

ווייל דאַן ווערט געבוירן דאָס ליד —
וואָס דו האָסט אין וויג נאָך געהערט.
און פּונקט ווי דער גאַנג פון דער ערד
בלייבט אייביק דאָס ליד.

* * *

די ערד, וואָס ווערט קיינמאָל נישט מיד
צו פליען אין בלענדיקן קרייז,
איך זע זי אצינד, ווי זי פליט
פארצויגן מיט שניי און מיט אייז.

נאָר ס'איז נאָך געבליבן אן אָרט,
ווו ס'ווערט נישט פארפרוירן דער ים.
זי טרינקט איצט איר שקיעה פון דאָרט
און טונקט אירע פעלדער אין פלאם.

די ערד, וואָס ווערט קיינמאָל נישט מיד
צו גיין ארום זון אין געדריי,
איך זע, ווי זי נעמט איצטער מיט
א הימל מיט רויך און געשריי.

דעם רויש פון הריגה און קריג,
זי טראָגט פאַר די שטערן פארביי,
און ס'לויפן פלאנעטן צוריק —
אין שרעק פארן האָגל פון בליי.

ביאליסטאָק, 1940.

דורך שאטן און שיין

כ׳וואָלט אפשר אמאָל מיין געהער
מיט פוכיקער שטילקייט פאַרדעקט.
נאָר גראָד צו דער צייט קומט אָן ווער
און פירט פון דער רו מיך אַוועק.

דער פייף פון אַ צוג אין גאַלאָפּ,
פאַרוואַנדלט מיין בלוט אין געזאַנג;
דער הילך פון די רעדער שלאָגט אָפּ
אויף שויבן און ציטערט דאָרט לאַנג.

וווהין איילט עס איצטער דער צוג?
ווו וועט ער מיט אימפּעט פאַרביי?
אַלציינס, ס׳איז פאַר מיר דאָך גענוג,
אַז זיין זאָל מיין אומרו דערביי.

אַ צווייג וואָס צעשטרעקט זיך אין וועג,
פאַרלירט דאָרטן זיכער דעם שניי
און קראָען, פאַרכאַפּט פון געיעג —
צעשיטן דאָס שוואַרצע געשריי.

נאָר איך, כאָטש איך פאָר איצט נישט מיט,
כאָטש כ׳בלייב אין מיין צימער פאַרמאַכט —
פון יעדן געיעג — אינדערמיט
פון וועלט איך וועל ווערן געבראַכט.

צוזאַמען מיט ווענט פון מיין הויז —
איך טראָג זיך דורך שאָטן און שיין;
די ערד פירט פון ווינטער אַרויס
און ברענגט מיך אין פרילינג אַריין.

אין דויך און אין פייער

אנזאג

ס'ווערט שטילער און שטילער. די לופט, א געדיכטע,
איז גרייט פארן אָנקום פון שטורעם.
די פינצטערע כמארעס, אין שיכטן אויף שיכטן,
פארציען דעם הימל מיט גבורה.
די בערג זענען ווייט אינעם חושך פארשוואונדן;
דער נעפל פארמעקט האָט די זילבערנע שפּיצן,
נאָר ס'ווארטן די תהומען, עס זאָל זיך א צינד טאָן
דער שארפער זיגזאג פון צעקרייציקטע בליצן.
דורך אָפענער טיר און דורך פענצטער צעפּראלטע
איך זע, ווי דאָס גרינס האָט זיך פלוצעם פארלאָשן.
איך זע, ווי די פייגל פון הימל באהאלט ווער —
איך וואַרט אויפן דונער, איך וואַרט איצט אויף לשון.

הער איין זיך, דער אָנזאָג קומט אָן: ווי א ציטער,
א ווינטל שוועבט דורך אויף די גראָזן פון אויבן.
נאָך אים גייט דער מעכטיקער רעש פון געוויטער,
רייסט שטיקער פון ערד אָפּ און פּרוווט זיי צעשטויבן.
דער שטורעם קומט אָן און פארנעמט אלע ענדן —
די ערד דארף אים איצטער אינגאנצן געהערן.
ער וואַרפט אויפן בוים זיך און וויל אים פארלענדן —
דער בוים וויל אנטלויפן, דער בוים וויל זיך ווערן.
ער רייסט זיך פון וואָרצל, ער קרעכצט און ער וואָיעט —
אומזיסט, ס'איז אין ערגעץ נישטאָ ווו אנטרינען.
איך שטיי אינעם אָפענעם פענצטער און לויער —
איך וואַרט איצט אויף לשון, איך וואַרט אויפן דונער.

אלמא-אטא, 1941.

אַז ווייל איז דעם ווינט

אַז ווייל איז דעם ווינט, וואָס ער ווייסט פון קיין שטערונג—
ער גייט איבער ליניעס פון פראָנט און פון פייער,
ער פירט דורך די כמאַרע דורך זאַלפּ פון האַרמאַטן;
דעם ריח פון עפּל ער טראָגט צו צעשטערונג
און פון אַ פאַרברענטן קאָלווירטישן שייער
דערטראָגט ער דעם איפּריים, דעם הילך פון גראַנאַטן.

מיין טראָט איז פאַראורטיילט צו קריכן און פויזען
און וואַרט אומבאַהאָלפן אויף שווינדל פון רעדער —
מיין טראָט איז פאַרמשפּט צו רעלס און שאָסייען,
איך זיץ אין דער שיינער מסיבה פון רויזן,
אין זיסלעכן נעפּל פון עפּלבוים-סעדער
און זע זי, די ערד פון פּאָגראָם און געשרייען.

איין כוואַליע איז שרעק און די אַנדערע — שוידער,
און ביידע זיי גייען מיין רוקן אַריבער
און פירן מיך אָפּ צו די ווילדסטע קאָשמאַרן.
איך לויף צווישן תליות פון ווינטן געהוידעט,
איך פאַל איבער פרישע פאַרשטאָמטענע גריבער,
און אָט — איך געפין זיך אין לאַנד פון געפאַרן.

כ'בין דאָ — און גענוג איז דאָס רואיקע וואַרטן!
מיין שפּראַך איז אַ וואַלד מיט געצונדענע שטאַמען,
מיין דמיון — אַ רוים מיט פאַרלוירענע שטערן.
זאָל זיין, אַז מיט פלאַם איז דער רוים אַ פאַרשפּאַרטער —
מיט פלאַם וועל איך פּרוּוון אַדורכגיין דורך פלאַמען. —
דורך רייך וועט מען זען מיך, דורך אומקום — דערהערן!

אַלמאַ-אַטאַ, 1942.

צי איז עס אַן אמת

צי איז עס אַן אמת?
צי האָב איך דען ווייט זיך פאַרקליבן?
און אפשר בין איך בלויז אַ רמז
פאַר אַלע, וואָס זענען געבליבן?...

ס'קאָן זיין, אין ווייסרוסישע וועלדער
שטייט איצט אַ פאַרנאַכט גאָר אַ גרויער,
און איך בין אַ העלד צווישן העלדן
און ליג אין באַהאַלטענעם לויער?

דאָ דאַרפן אַדורכגיין די שונאים,
דאָ וואַרטן גראַנאַטן געגרייטע,
און באַלד וועט אַדורך די קאָלאָנע
פון שווערע מאַשינעם אויף קייטן.

און אפשר באַרויבט און אַ הוילער,
מיט אויגן פון חרפה פאַרגאָסן,
אין שטעטעלע אויפן בית-עולם —
איך וואַרט איצט אויף ווערן דערשאָסן?

ביי פרויען נישטאָ שוין קיין פחד,
ביי קינדער — נישטאָ שוין קיין טרערן,
און ס'שטייען די דייטשן און לאַכן
ביי גרייטע מאַשינען-געווערן...

ניין, כ׳גיי אין אַ בלענדיקער כוואליע
אין אָנגריף מיט ברידער געטרייע.
— פאַר היימלאַנד, פאַר לייבלעכן סטאַלין!
פאַרקרעמפּן מיר פּעסט דאָס כלי־זין.

אָט בין איך אַריבער אַ שטרויכלונג,
אָט האָב איך דערלאַנגט צו די רוימען;
אָט זע איך פון יענער זייט רויכן,
פון וואַרשע די שפּיצן, די קוימענס.

נאָר ניין, עס איז טאַקע אַן אמת,
דאָס אַלץ, וואָס כ׳האָב איצטער פאַרשריבן:
אַליין בין איך בלויז ווי אַ רמז
פאַר אַלע, וואָס זענען געבליבן.

אַלמאַ־אַטאַ, 1942

גאסט

און וועמען דערוואַרט איצט מײַן חלום?
און ווער וועט דאָרט קומען צו גאַסט?
מײַן מאַמע — פֿון הונגער געשוואָלן,
די ברידער — מיט קאַטאָרגע־לאַסט.

מען שטאַרבט דאָך בלויז איין מאָל מסתּמא,
און איין מאָל בלויז זאָגט מען אָפּ ווידוי,
און דאָך קומען ברידער, די מאַמע
אין חלום און גוסס'ן ווידער.

די מאַמע איז לײַכט צו דערקענען:
זי קומט אין מײַן חלום פֿאַרווײַנט.
זי לייגט אויף די קני מיר איר פּנים
און ווײַזט די געשטשירעטע ציין.

זי עצהט, איך זאָל זי פֿאַרדעקן
מיט בלומיקן טישטעך פֿון חלה,
וועט זי מיך שוין מערער נישט שרעקן,
אין חלום מיך מער נישט באַפֿאַלן...

נאָר אַנדערש גאָר קומען די ברידער —
אַמערסטן איך זיי אין בלוט.
זיי הייסן: צערײַסן די לידער
און רײַצן זיך: גוט אַזוי, גוט!

די אויערן אונטערגעשניטן —
גייט איינער פון זיי מיר אנטקעגן:
— כ׳וועל יעטווערן טראָט דיינעם היטן,
אַ שטילער דיר נאָכגיין אויף וועגן.

כ׳וועל שטאַרבן און נאָכאַמאָל שטאַרבן
און כ׳וועל נישט אַראָפּ פון דיין וועג,
ביז דו וועסט אין שלאכטן אין הארבע
אויף שפּור פון מיין בלוט נישט אַוועק!

דער צווייטער, דער דריטער, דער פערטער —
מיט מיילער פאַרבלוטיקטע, רויטע,
מיט שטילע אָנזילביקע ווערטער,
ווי ס׳ריידן אין חלום די טויטע...

— פון אַלע האָסטו זיך באהאלטן
און לעבן געבליבן ביסטו.
נאָר ווייס, אַז אין טויזנט געשטאַלטן
מיר וועלן באַרויבן דיין רו.

מיר וועלן מיט טויזנט ענויים
דיין שלאָף און דיין חלום באַשמעלן;
דיין בלוט וועט, ווי אונדזערס, נישט רוען,
כל־זמן דיין נקמה וועט פעלן!

אַלמאַ־אַטאַ, 1942.

סטאַלינס רייד

דאָס וועלן זיכער אייניקלעך דערציילן,
דאָס וועט, ווי וווּנדער, גייט פֿון דור צו דור:
— עס האָט אַמאָל געלעבט אַן עלטער־זיידע
אין העלדישן, אין פֿערציק־איינטן יאָר.

איך קוק אַליין אויף זיי איצט, ווי פֿון הייכן,
מיין בליק זוינגט אין די ווייט פֿון האָריזאָנט;
איך זע, ווי ס'שווימען אָפּ די שריפֿה־רויכן
און אַלץ ליגט ליכטיק, שלוהדיק און נאָ'נט.

יאָ, כ'האָב געלעבט אין בלוטיקסטן יאָרהונדערט,
נאָר ס'איז דאָס בלוט באַלוינט געווען דורך פֿרייד;
איך בין פֿון דור, וואָס האָט געזען דעם וווּנדער,
ווי ס'בלייבן טאַנקען שטיין פֿאַר סטאַלינס רייד. —

נאָוועמבער חודש, יאָרטאָג פֿון נצחון.
ס'איז פֿעלדזנפֿעסט געשטאַנען מיין נאַרקאָם,
ווען טאַנקען זענען ווי די שלענג געקראָכן,
ווען מאָסקווע איז געהאָנגען פֿאַר אַ תהום.

נאָוועמבער־חודש, אַסיענדיק־פּאַרטראַכטער,
און — פּופּציק טאַנקען רייסן זיך פֿאָרויס,
און אַכט און צוואָנציק העלדן פֿון דער „אַכטער"
אַנטקעגן גייען אין דעם קאַמף אַרויס.

ס'האָט סטאַלינס וואָרט, ווי פייער, זיי פאַרפאַנצערט,
און זייער הויט איז ווידערשטאַנדיק — שטאָל;
צעשאָסענע — זיי וועלן בלייבן גאַנצע,
פאַרהייליקטע אין סטאַלין־אָרעאָל!

עס גייט דעצעמבער. ווינטיקע זאַווייען.
נאָר ס'האָט איר אָטעם אָפּגעשטעלט די צייט:
דעם שונאס רעדער נעמען צ'ריק זיך דרייען,
זיי לויפן צ'ריק צו מערבדיקער זייט.

עס לויפט פאָרויס די רויטע קאַוואַלעריע,
די פענדלעך רייסן זיך אַנטקעגן ווינט.
און אין דעם קלאַפּן פון מאַשין־געווערן —
די ערד הערט ווידער סטאַלינס רייד אַצינד...

אַלמאַ־אַטאַ, 1941.

* * *

היי, ארטילעריסט, הייב אויף העכער די לופע,
דערלאַנג אַ סנאַריאַד פונעם גרעסטן קאַליבער,
ברעך אויס אַ שטיק פונעם דייטשישן מערב,
און איך — נאָך זיין שפור — וועל דעם פראָנט שוין אַריבער.

אָ, פליער! שטייג אויף אין די פייערלעכע רוימען,
צעשיט אין אַ האָגל די גאָלדענע שטערן,
דערשטיק דאָרט דעם שונא, וואָס וויל מיך פארצוימען
און האַלב פון דער וועלט פאר מיין טראָט וויל פארווערן.

מאַך פרייער דעם וועג — ווייל אַליין בין איך גרייט שוין:
צום ראַנד צו דעם לעצטן האָב איך זיך דערנענטערט.
דעם הימל איך טראָג אין מיין בליק אַ צעקנייטשטן,
די ערד — אַ פארקוילטע, דיביימער — פארברענטע.

איך נעם דעם נאַגאַן, ווי אַ שליסל אַ טרייען —
מיט יעדערן שאָס ווערט אַ טויער געעפנט.
מיט בלוט איבער בלוט און מיט פייער דורך פייער —
אַזוי מוז מען גיין און — אַזוי וועל איך טרעפן!

.1942

רויטע הימלען, שווארצע ביימער...

רויטע הימלען, שווארצע ביימער
און דער טויט אַליין איז — שומר.

אָפּגעשניטענע מיט פלאַמען
אַלע וועגן צו מיין מאַמען.

פליט אַ טויב אין מיין שליחות
צו דעם לאַנד פון די רציחות.

פליט זי, און דער פראָנט ווערט נעענטער,
און זי פאַלט אַ קויל־פאַרברענטע.

שיק איך אויף דעם ווינט פון דרום —
ווערט אין וועג פון אים אַ שטורעם.

הייבט ער קעמפער פון די גריבער,
גייט מיט זיי אין אָנגריף איבער.

שיק איך אויף דעם ווינט פון צפון —
ליינט ער אויס דעם שונא שלאָפן.

דעקט אים איין מיט ווייסע שנייען,
שווארצע קרייצן, שווארצע רייען.

וועל איך מער נישט שיקן קיינעם,
און אַוועק אַהין אַליין נאָר,

כ'האָב אַ בריוו שוין אָנגעשריבן —
ווערטער יידישע און ליבע.

אויף מײַן ברוסט וועל איך אים טראָגן,
ווען איך וועל דעם שונא שלאָגן:

„צו מײַן מאַמען, צו מײַן ליבער!
אפשר ביסטו נאָך געבליבן?

אפשר וועסטו זיך דערוואַרטן
אויף מײַן טראָט דעם לאַנג געגאַרטן...“

אַלמאַ־אַטאַ, 1943.

פעטרישטשעווער תליה

שנייען, שנייען, וואָלקנס ציען.
אָפּגעמעקט אַ דאָרף מיט שטיבער.
זע, די פּעטרישטשעווער תליה
ציט זיך מיט אַ פאָרהאַנג איבער.

זאָל מען האָבן דאָ דערמאָרדעט,
און אַ מיידל-קערפּער וויגט זיך?
ווו — די תליה, ווו — דער קרבן,
ווו — דער מיידל - האַלדז, וואָס שטיקט זיך?

איבער ווייסע ווינטער-ווייטן
אויפגעהויבן שטייט אַ טורעם,
און דער ווינט רייסט אָפּ פּאַר צייטן
קלאַנגען פון אַ ווייטן שטורעם...

פליק איך אָפּ דעם ווייסן פאָרהאַנג,
זע איך: ליפּן איינגעביסן;
זע איך: מיידל-בריסטן קלאָרע
אָפּגעדעקטע, אויפגעריסן.

טעג, און נעכט, און וואָכן, וואָכן —
טאַניע וויגט זיך אויף דער תליה.
וואָלט די שטילקייט ווער געבראָכן,
וואָלט דאָ ווילד זיך ווער צעשריען!

שטילער! איצטער דאַרף מען אַנדערש —
ס'העננט איר קערפּער — נישט פאַרשאָטן.
מיט בענזין און שוועבל וואַנדערט
ערגעץ נאָ'נט דאָ טאַניעס שאָטן.

אַלמאַ-אַטאַ, 1943.

אין רויך און אין פייער

אין רויך און אין פייער פאַרוויקלטע סטאַנציעס
אַ נאַכט און אַ טאָג און אַ נאַכט.
אַנטקעגן אונדז זענען געלאָפן געפאַנצערטע
די צוגן — אויף מערב, אויף שלאַכט.

ווער קען דען פארגעסן דעם הימל אין פייער,
מיין היימשטאָט מיט שריפות באַזוימט,
א״יך אייביק פארגליט איז געבליבן אין רעיון
איר אייפנאַנג צו אומקום אין רוים.

אַ דאָרף נאָך אַ דאָרף האָט דער צוג אָפּגעשניטן,
געוואָרפן אויף לעשן דעם בראַנד.
און שטעטל מיט פעלד זיך געביטן, געמיטן,
און אַלץ אַזוי ליב און באַקאַנט.

אַלין בילדער באַקאַנטע: בערעזענע צווייגן,
צעשטי־עקטע ווי הילפלאָזע הענט.
בהימות אויף לאָנקעס, אין הילפלאָזן שווייגן,
די מאָרדעס צו הײלקייט געווענדט.

יאָ, בילדער באַקאַנטע! איך ווייס, אַז פאַרמעקטע
איר זענט שוין פון היימישער ערד.
דאָך לעבט איר נאָך אַלץ, פון מיין דמיון גערענגטע,
דאָך ווערט איר פון טרוים נאָך גענערט.

אלמא־אטא, 1943.

מערער מעש דערלאַנג, אָרקעסטער!

מערער מעש דערלאַנג, אָרקעסטער! —
ערגעץ גוואַלדיקט מען מיין שוועסטער,
ערגעץ בראַזגען איצטער שויבן,
ערגעץ גייען רויבער רויבן.

אויסגעפּליקטע בערד און פּיאות,
אָפּגעהאַקטע טויט-געשרייען,
אויסגעשמירטע פּאַרמעט-ספרים,
טיפע, לאַנגע ברידער-קברים. —

מער געבויגן, מער געבויגן, —
ווייז נישט קיינעם דיינע אויגן.
פייער קאָן פון זיי אַ זעץ טאָן,
שנאה — פון דעם אָטעם לעצטן.

מערער מעש דערלאַנג, אָרקעסטער,
טייב, פּאַרטויב, די שטילקייט לעסטער! —
צופיל וואונדן אויף צו היילן,
צופיל מתים אויף צו ציילן.

אלמאַ-אַטאַ, 1942.

טויזנטער מײַלן

טויזנטער מײַלן פֿון הײם און פֿון שלום —
טויזנטער מײַלן און — זומער.
ס'לויפֿט אָן דאָס גרינע געבלעטער, מײַן חלום
אָפֿן בלײַבט גאָפֿן א שטומער.

ס'פֿאַלט שוין אין געלקײַט דאָס גרינס פֿון די בלעטער,
בלויקײַט פֿון הימל ווערט מאַטער.
כ'היפֿער פֿון עבר צום ליכטיקן שפּעטער
איבער א יאָר אַלמאַ-אַטער.

שפּינוועבס וואָס וויגט זיך איצט צווישן די בײמער,
נעפּל פֿון שטילע פֿאַרנאַכטן,
דאָס איז מײַן בריק און אַזוי איבער טרוימען
גײ איך מיט אויגן פֿאַרמאַכטע.

אַלמאַ-אַטאַ, 1942.

ערב פרילינג

פון די פארשנייטע אלמא-אַטער בערג
פליקט אוים דער ווינט שוין לעבעדיקע שטיקער.
דער בלויער רוים וועט ענדיקן דאָס ווערק —
עס גייט די צייט פון פרילינגדיקן צ׳ריקער,
ווען יעדע שעה איז פול מיט צוזאָגן געהיימע —
עס פליט דער ווייסער שניי שוין פון די ביימער.

מיין טראָט ווערט אָפּגעהאקט, מיין טראָט ווערט מיד —
מיין בלוט אין לויף ווערט שיכורדיק און קלעפּיק,
נאָר ס׳קלאַפּט מיין האַרץ מיט ריטם פון דעם ליד,
וואָס ווערט געטראָגן פון א ווזוואָד פּילקעפּיק.
עס ווייט פון ליד מיט אומגעקערטע היימען
און ס׳שיט, עס שיט דער ווייסער שניי פון ביימער.

דאָס ליד איז אומעטום מיט מיר פאראן
און ווינט מיין לעבן איין ווי אויף א כוואַליע.
פון ביאַליסטאָק ביז בערג פון קאזאכסטאַן:
— ווען ס׳וועט אין שלאכט אונדז שיקן חבר סטאלין!.. —
נאָר ס׳רייסט דאָס ליד איצט מיט אַזוי ווי קיינמאָל,
און ס׳פליט, עס פליט דער שניי שוין פון די ביימער.

1944

העלד

אויף דיין ברוסט העננט א צייכן:
„העלד".
אין דיינע פארלאָשענע אויגן
העלט.
נעבויגן —
דיך פירט איצט דיין טאָכטער
ארום אויף דער וועלט.

אליין —
זי איז נאָך א קינד,
זי דארף נאָך שפּיל.
איר בלאָנד פון די אקסלען
רינט נאָך, רינט.
נאָר דאָ,
אזוי שטיל,
אזוי נאָ'נט —
זי נעמט דיך ארום ווי דער ווינט.

אין פרייד און נעלעכטער
דו גייסט,
ווי אין ליכטיקע רינגען.
דיין האנט, די רעכטע,
טונקט
די לאנגע פינגער
אין בלאָנד
פון דיין טאָכטערס קעפּל.

זי וואָרנט.
אַ טרעפּל!
און דו —
מיט צעכוואַליעטער ברוסט —
דו שטייגסט אַרויף.
דיין גוף
ווערט לייכטער, לייכטער
אין געוויכט.
אָט גרייכט ער, גרייכט ער
און ווערט אַליין —
ליכט.

.1944

אַנדערש

ווי אַנדערש איז איצטער דער פרילינג,
ווי אַנדערש — דער מערץ קאַזאַכסטאַנער —
כ'וועל פרוּוון די בענקשאַפט פאַרשטילן —
דעם פוילישן פרילינג דערמאָנען.

דער הימל ליגט איצטער אין פענצטער
אַ בלויער, אַ בלויער, אַ בלויער.
דער פוילישער פרילינג, דער שענסטער,
געמישט איז מיט וואָלקן און טרויער.

די זון איז די זעלבע, איז איינע —
דאָ שיינט זי אויף הוילע טאָפּאָלן.
דער פוילישער פרילינג, דער שיינער
מוז ווערן מיט גרויקייט געמאָלן.

מיט שלייפן אין פויסטן פאַרפרעסטע —
איך ענדיק דאָס ליד שוין, איך ענדיק:
דער פוילישער פרילינג, דער בעסטער
וועט בלייבן מיין פרילינג אויף שטענדיק.

אַלמאַ-אַטאַ, 1944.

גליק

בלויז מיר איז געגעבן דאָס גליק
פון נאָכאַמאָל ווערן אַ קינד
און שפּירן ווי ס'הוידעט מיין וויג
דער וואַרעמער פּוילישער ווינט.

פונוואַנען געשעט אַזאַ נס?
ווי טרעף איך עס אָן אויף דעם וועג?
וואָס טוט זיך מיט מיר — איך פאַרגעס
די וואָג און דעם מספּר פון טעג?

וואָס זאָגסטו? די גאַס איז נישטאָ?
נישטאָ מער דער גאָלדענער שטויב?
דער הימל איז מער שוין נישט בלאָ?
און שוואַרץ איז פון רויך דאָרט די שויב?

קאָן זיין — נאָר איך לעב און געדענק
דעם הויף — אָט דעם פּירעק אין רוים,
ווו ס'איז מיר געווען אַזוי ענג
און — ביז דער אומענדלעכקייט — גרוים...

אַלמאַ-אַטאַ, 1944.

באלאדע

צוויי יינגלעך, צוויי ברידער, פארקלאַמערט די הענט —
זיי גייען אַוועק, ווייל די שטאָט איז פארברענט.

דער הימל אין פייער, די וועגן — פארמעקט —
זיי גייען פון חרובער ווארשע אַוועק.

זיי האָבן געלאָזן אינמיטן דער גאס,
געצייכנט פון קרייד, אויף דערשפּילן אַ קלאַס.

זיי האָבן געלאָזן אַ קופּע פון שטיין —
די היים — אונטער איר ליגט דער מאַמעס געביין.

מען האָט שוין גענישטערט, מען האָט דאָרט געזוכט,
מען האָט דאָרט געפונען אַן איינציקן שוך.

דער עלטערער טראָגט אויף אַ פּוס אים אַצינד,
דעם צווייטן, אַ באָרוועסן, פּאַטשט ער אין ווינט.

פון קיינעם געשטערט און ביי קיינעם געפרעגט —
זיי ווייסן, זיי קענען אליין שוין דעם וועג.

דער וועג פירט אַלץ ווייטער, אַלץ ווייטער אַוועק,
פון היים, פון דער מאַמען, פון טויט און פון שרעק.

זיי גייען אַ מייל אָפּ, זיי גייען אָפּ צוויי —
און ס'דאַכט זיך אַלץ אויס, ס'לויפט עמעץ נאָך זיי.

זיי שטעלן זיך אָפּ און זיי קוקן זיך אום:
די שטאָט ליגט פון הינטן און פייער — אַרום.

דער עלטערער שפּאַנט ווי אַ גרויסער און שפּרייזט,
דער קליינער — מיט דראָבנינקע פיסלעך זיך פלייסט.

אויף יעדערן קרייצוועג זיי שטעלן זיך אָפּ.
דער עלטערער הייבּ אויף צום הימל זיין קאָפּ.

אַהין, אין דער ריכטונג, וווּ רויך איז נישטאָ,
אַהין דאַרף מען גיין, וווּ דער הימל איז בלאָ.

זיי גייען אַ טאָג, זיי גייען אַ נאַכט.
צומאָרגנס דערזעט זיי אַ דייטש אויף זיין וואַך.

ער הייבּט אַ באַוואָפנטע האַנט אויף: „בלייבּט שטיין!
וווּ גייט איר, פאַרפלוכטע, אָן אויפזיכט, אַליין?"

דער עלטערער ענטפערט: אַ „קופּע פון שטיין —
די היים, אונטער איר ליגט די מאַמע אַליין!

מען האָט שוין געענישטערט, מע האָט זי געווֹבּט,
מע האָט דאָרט געפונען אַן איינציקן שוך".

— אַך, דאָנער-וועטער! — דער דייטש שטייט און שעלט, —
ווי לאָזט מען עס קינדער אַליין אויף דער וועלט?

אַ שאָס — און דער עלטערער פאַלט אום און שלעפּט
דעם יינגערן מיט, נאָר דער יינגערער לעבּט.

אַ שאָס — און אַ קויל האָט דעם צווייטן דערגרייכט —
די ערד אונטער זיי ווערט אַ גוטע, ווערט ווייך.

זיי זינקען און זעען: אַ קופּע פון שטיין,
און אויבן — די מאַמע, וואָס הייבּט אָן פאַרגיין.

אַלמאַ-אַטאַ, 1942

איך, דער לעצטער

פון מיין משפחה בין איך דער סאמע לעצטער
אויף אונדזער צעטרייסלטער ערד.
אין פייער געזעגקט און אין בלוט — א געגעצטער,
דאָך איז מיר דאָ לעבן באשערט.

אין נעפל פון שטערן, דורך טויזנטער יאָרן —
זיך רייסט און דערגרייכט מיך א ווינט:
א שטעקן, און גלות, און פייער, און צאָרן,
און שנאה, וואָס בושעוועט בלינד.

די ברידער — פאַרטיליקט, פאַרשניטן די מאמע —
א שטיק פון מיין לעבן — אין טויט.
נאָר וויים, נישט אומזיסט האָט מיין האנט זיך געקלאמערט
צו ערד און צו פאָן, וואָס איז רויט!

מיר איז דאָ, דעם לעצטן, אָן אָנהייב געגעבן,
מיין שטאָם וועל איך בלייבן געטריי:
כ'וועל אויפברענגען צ'ריק צו דעם ליכט און צום לעבן
דאָס אלץ, וואָס איז בלוטיק פאַרביי.

אלמא-אטא, 1942.

אויף מערב

אַ קנויליקער רויך אויפן רוים,
געשרייען פון לאָקאָמאָטיוו. —
די עפּל איך לאָז אויפן בוים,
די תבואה — אין ערדישער טיף.

אויף מערב, אויף מערב מיך פירט
דער רוף פון דער שווארצער מאַשין.
פון טויזנטער וויאָרסטן פארווירט,
איך טראָג זיך אהין אליץ, אהין.

געקומען — איך בייג אָפּ דעם פּונקט:
אַ פאָרהאנג פון פייער און פלאם.
געקומען, כ׳בין דאָ. איך בין נאָ׳נט,
ביים בלוטיקן שפּור פון מיין שטאם.

ניין, ניין! איך געדענק נישט אצינד
דאָס אליץ, וואָס איז דאָרטן געשען. —
ביים לעבן טרעף איך מיין געזינד
און אליץ — אויפן אָרט, ווי געווען.

דאָס טישטעך שיינט וויים אויפן טיש,
און לעפל און מעסער איז גרייט.
און ס׳טראָגט זיך פון קיך אזוי פריש
דער ריח פון זעט און פון פרייד.

איך עפן די שאנק און דערשפיר
דעם דופט פון פארפומען אויף זייד.
פונדאנען האָט גאָרנישט געדירט
און גאָרנישט גענומען די צייט.

ווי שטענדיק, דערזע איך, עס חענגט
דער מאמעס וויים־תופיקע קלייד.
עס הענגט נאָך ווי פריער און בענקט
צום טאָג, ווען מען האָט עס גענייט.

איך טרעף אויפן זעלביקן אָרט
דעם טאַטנס קאַפּאָטע צעשיט.
אין צויטן — דער זייד זיך צעפּאָרט,
ווי ס׳פּאַסט פאר אַ חסיד אַ ייד. — —

צו וואָס, אוי, צו וואָס אלץ — צו וואָס
האָב איך זיך אין אומגליק דערטראַכט —
פון דעם, וואָס איך בין מיט פארדראָס
אַוועק — כ׳וועד צוריק איצט געבראַכט...

ביז ווייטיק עס טוט מיר איצט באַנק
דאָס לעבן, וואָס איז דאָרט פארווישט. —
אין קדיש שלאָגט אָן מיין געזאנג
און ווערטער —, מיט נעפּל צעמישט.

אלמא־אטא, 1942.

אין וואַרשעווער געטאָ איז חודש ניסן

אין וואַרשעווער געטאָ איז איצט חודש ניסן, —
אויף כוסות פון באָרשטש און אויף מצות פון קלייען
דערציילט מען אויפסניי די אַמאָליקע נסים,
ווי ס'יידישע פאָלק איז אַרויס פון מצרים.
ווי אַלט איז די מעשה, ווי אַלט איז דער ניגון,
נאָר איצט, ביי פאַרהאָנגענע פענצטער דער סדר
גייט אָן, און צעמישט ווערט דער אמת און ליגן,
און שווער איז זיי ביידע פאַנאַנדערצושיידן...
כל דכפין ביי פענצטער פאַרשטעלטע און טירן,
כל דכפין — און ס'שלאָפן פון הונגער די קליינע,
כל דכפין — ביי ליידיקע פסח־געשירן,
כל דכפין — און ס'כליפען די גרייז־גרויע זקנים.

אין וואַרשעווער געטאָ איז איצט חודש ניסן,
און עמעץ קאָן טראַכטן, אַז אָט די געשטאַלטן,
וואָס שאָקלען זיך פאָרכטיק דאָ, זיינען אַנוסים
וואָס האָבן זיך דאָ פאַרן דרויסן באַהאַלטן.
ניין, ס'רעשטל פון פאָלק, פון די שישים מאָל ריבוי,
וואָס משה האָט דעמלט געפירט פון מצרים,
איז איצטער אין געטאָ געוואָרן פאַרטריבן —
ס'איז שטאַרבן דערלויבט, נישט פאַרווערט איז צו שרייען.
פון האָלאַנד, פון בעלגיע, פון פראַנקרייך, פון פוילן —
דאָ זיצן זיי איצטער די לעצטע און וויינען,
דאָ זיצן זיי איצטער, באַרויבטע און הוילע —
פון פופציק משפחות געוואָרן איז איינע.

אין וואַרשעווער געטאָ איז איצט חודש ניסן.
אָט איז די וואָלינסקע, דער בוידעם דער קרומער.
מיין מאַמע האָט געסט: צו איר סדר — פון בריסל
די זין מיט די אייניקלעך זענען געקומען...
צו וואָס האָט די מאַמע אַ סדר פאַרגרייט זיי?
ווער האָט זיך אויף זיי, אומגעריכטע, געראָכטן?
באַגלייט פון „מלאָכים" מיט העק און מיט קרייצן —
זיי זענען געקומען אויף ווערן געשאָכטן...
דער טיש איז געדעקט און עס שטייען די כוסות,
געגרייטע פאַר איבערגעציילטע נפשות.
נאָר ס'בעטן די אייניקלעך ברויט אויף פראַנצויזיש,
און קיינער פון זיי וויל נישט פרעגן די קשיות...

אין וואַרשעווער געטאָ איז איצט חודש ניסן.
מיין מאַמע טוט אָן אויף איר פּנים דעם שמייכל.
די ליפּן, וואָס זענען פון הונגער פאַרביסן —
פון יום-טוב זיי ווערן איצט מילדער און ווייכער,
די אויגן ביי איר הייבן ווידער אָן שיינען,
אַזוי ווי אַמאָל אין פאַרגאַנגענע יאָרן,
און ס'שוימען אין זיי אויף די ראָזשינקע-וויינען
פון אַלטע, פאַרגעסענע, ווייטע סדרים.
נאָר פּלוצים וואַקסט אָן אין זיי גרויליקער חידוש,
אין שטוינונג צעשרעקט זי די הענט אירע פרימע.
אַנשטאָט אָנצוהייבן דעם סדר מיט קידוש —
די זין הייבן אָן שפּוך-חמתך צו ברומען.

אין וואַרשעווער געטאָ איז איצט חודש ניסן,
און פול שטייט דער כוס אליהו הנביא׳ס.
נאָר ווער האָט דעם סדר דאָ איבערגעריסן?
פון כוס וועט באַלד טרינקען דער מלאך המות.
ווי שטענדיק — די דייטשישע שפּראַך פון מושטירן —
ווי שטענדיק — די שפּראַך פון באַפעלן געניטע —
ווי שטענדיק — זיי זענען געקומען איצט פירן
אַ טייל פונעם יידישן פאָלק צו דער שחיטה.
נאָר מער ווייל דאָס געטאָ נישט הערן דאָס זידלען
פון נאַציס, וואָס פירן אַ פאָלק צו פאַרלענדונג,
מיט בלוט וועט מען איצטער באַשמירן די שטידלען,
מיט בלוט פון די דייטשן, מיט בלוט פון די שענדער,

אין וואַרשעווער געטאָ איז איצט חודש ניסן —
פון שכן צו שכן ווערט איבערגעגעבן:
דאָס דייטשישע בלוט זאָל אָן אויפהער זיך גיסן,
כל זמן ס׳וועט אַ ייד אינעם געטאָ נאָך לעבן.
פאַר זיי זאָל אין אויגן נישט זיין קיין הכנעה;
פאַר זיי זאָל אין אויגן נישט זיין מער קיין טרערן,
נאָר שנאה, עקשנות און ווילדע הנאה
פון שטיין זיי אַנטקעגן, פון קענען זיך ווערן!
אָט הער, ווי אין האַלבנאַכט עס הילכן די שאָסן,
אָט הער, ווי דער טויט יאָגט אויף דייטשישע שפּורן,
אָט הער:
די געשיכטע ווערט איצט אָפּגעשלאָסן
מיט העלדישן אומקום אין ליל-השימורים.

אַנטרונען

און איך בין אַנטרונען, אַנטרונען
פון ווארשעווער געטאָ, פון מאָרד;
און איך האָב ביים לעבן געפונען
אַ פרייען, אַ זיכערן אָרט.

אַ וואונדער? ניין, דאָס איז נאָך ווייניק —
איך גיי איצט צוריק און איך ברענג
מיין בלוט, אינעם פייער געריייניקט,
מיין שנאה, וואָס ס'האַרץ איז איר ענג.

פאַר יעדן וועט סטייען דאָ שאָטן,
פאַר יעדן — אַ היים אויף דער ערד,
נאָר דאָרט, וווּ דער דייטש ערגעץ אָטעמט,
דער הימל זאָל זיין אים צו שווער...

אַלמאַ-אַטאַ, 1943.

אין שאַטן

אין שאַטן — מיין ברודער, מיין מאַמע, מיין שוועסטער —
צעעפנטע מיילער, פאַרהויבענע הענט.
פון אומגליקן אַלע — דאָס אומגליק דאָס גרעסטע —
אַ שבט, אַ דור ביזן וואָרצל פאַרלענדט.

צי האָב איך אומזיסט דען געשיידט זיך מיט גראמען?
צי האָב איך אומזיסט דען געשווינגן אַ יאָר?
אַ קדיש געגנוג קען נאָך זיין פאַר אַ מאַמען,
נאָר ווי גיט מען טרייסט אַ פאַרטיליקטן דור?

די ערד האָט ביז איצטער געזען בלויז מיין נאַקן —
דעם בליק כ'האָב באַהאַלטן פאַר חרפּה און שרעק.
איצט קער איך פאַרעקשנט זיך אום און מתקן
כ'בין דאָס, וואָס אין בלוט איז אויף אייביק אַוועק.

דאָס פייער, וואָס האָט מיך געיאָגט איבער לענדער,
צעשניטן די פעלדער מיט פאַסן פון פראָנט,
האָט איצטער אויף מערב זיין פּנים געווענדעט —
מיין היים ווערט אַלץ נע'נטער, דער חורבן ווערט נאָ'נט.

איך גיי אים אנטקעגן! — אין פרייד פון פאַרפאָלגן,
אין רויך פון פאַרנומענע דערפער און שטעט —
איך גיי איצט צוריק פון דער רוסישער וואָלגע —
אין וואָלקן פון אָנגריף צו וואַרשע איך טרעט!

אלמא־אטא, 1943

ירושה

נישט אלץ, וואָס געירשנט — כ׳וועל לאָזן ירושה.
נאָר איין זאַך: מיין שנאה, מיין פיינפולע שנאה,
וואָס יאָגט אָן אין אויג מיט אַ בלוט־שטראָם פון האַרץ,
וואָס איינע בלויז זי איז איצט שולט אין זינען,
וואָס האָט אַלע פאַרבן פאַרגאָסן מיט שוואַרץ;
מיין שנאה, וואָס דאַרף נישט קיין שפּראַך און קיין טייטש
און רייסט אויף ביים בלויזן דערמאָנען: אַ דייטש —
דאָס וועל איך מיט ציטער פאַרהיטן און זאָגן:
— דאָס זאָלסטו, מיין קינד, צו דער אייביקייט טראָגן.

דורך דיר זאָל אַ וווּנק, נישט געשטילט, מיין נקמה
און גיין, אַ געטרייע, אויף שפּורן פון מאָרד.
זאָלסט טראָגן אַ סדומישע שטראָף אויף די סדומער
און ברען אונטער יעדן רוצח דאָס אָרט.
דיין בלוט זאָלסט, חלילה, מיט זיינעם נישט מישן,
צום הונגער זאָלסטו אים דערלאַנגען דעם דאָרשט.
אַ שטיין — ווען ער וועט ביי דיר בעטן אַ קישן.
און רעדסטו צו אים — ווי דו וואָלסט אים געפּאָרשט —
און היט זיך צו שטעלן אין גבול פון זיין שאָטן,
און היט זיך מטמא צו זיין מיט זיין אָטעם.

אלמא־אטא, 1943.

נישטאָ

געווען איז אַן אָנהייב — איצט איז ער נישטאָ.
איצט ליגט ער מיט ערד און מיט שטויב אַ פֿאַרמישטער.
אַליין, ווי אַ נשׂרף, פֿאַרצאָרנט און גראָ —
שטיי איך איבער אַשן און נישטער און נישטער.

איך קען אַלע ווערטער די קלוגע, איך ווייס:
ביסט לעבן געבליבן — דעם טויט צו פֿאַרגעסן.
נאָר שווער, אוי, ווי שווער, עס זאָל גרייכן דיך טרייסט,
ווען הינטער דיר שליסן זיך צו אַלע שלעסער.

דו גייסט אין דער ווייטקייט אַליין איצט, אַליין,
דו־געמסט אין דיין וועג מיט אַ קינד, ווי אַ זכר:
דאָס דינע, דאָס ליכטיקע שנירל געוויין
דורך אים זאָל ביז טיפֿער אומענדלעכקייט גרייכן.

אַלמאַ־אַטאַ, 1942.

פאַרגעסן, פאַרגעסן

אַ בליץ האָט דעם הימל העל איבערגעשניטן,
דער דונער — נאָך אים — האָט צעטרייסלט די ענדן.
דער בליץ איז פאַרביי און דער דונער — געמיטן,
נאָר איך בין געבליבן געפּלעפט פון פאַרבלענדונג.

די כמאַרע הענגט איבערגעשפּאָלטן אינצווייען,
און ס'פּלייצט איבער מיר איצט מיט וואָרעמקייט ווייכער;
דער רעגן וואַשט אָפּ פון מיין גוף די געשרייען —
איך שטיי ווי פון אייגענעם לעבן אַ זכר.

פאַרגעסן, פאַרגעסן — ס'איז גאָרנישט געווען:
איך בין נישט אַוועק אינעם ווילדוואַלד פון יאָרן;
פון ביכער האָב איך בלויז זשול ווערן געלעזן,
און כ'בין נאָך אַ האַלב פון דער וועלט נישט פאַרפאָרן.

און אָט איז אַ כמאַרע פאַרגאַנגען אין פענצטער,
פאַרגאָסן די שויבן מיט זילבערנע שפּריצן.
מיט אויגן פאַרגרויטע — כ'בין ווידער דער קלענסטער
אין צווישן די ברידער פאַרגאַפטע, וואָס זיצן.

פאַרגעסן, פאַרגעסן — כ'האָב אַלצדינג פאַרגעסן.
מיין וועג, ווי אין קינדהייט, ליגט ווידער אַ גראָדער,
און יעדער מעת-לעת פון די תמוז-מעת-לעת'ן
הענגט קיילעכדיק, פול, מיט אַ זוניקן יאָדער.

די ערד איז אַ גאַנצע, דער הימל — אַ רונד־ער,
און יעדער פֿאַרנאַכט האָט זיין אייגענע שקיעה.
און יעדן פֿרימאָרגן קומט אָן ווי אַ וווּנדער
אַ סטייע פֿון שוואַלבן דעם חלום פֿאַרציִען.

1942.

אויף אַ באַנק

אינמיטן פון רעש און גרויסשטאָטישן ריח
אַ ייד אויף אַ באַנק ליגט, ווי אויף אַ מזבח.
די ליפּן — פאַרדאַרטע, מיט דורשטיקע ציינער —
אינמיטן דער רוישיקער שטאָט איז ער — איינער.
נישט יצחק, דער זון איז דאָס פון דער עקדה —
ניין, ס'ליגט דאָ אברהם אליין איצט, דער זיידע,
בלויז עלטער מיט עטלעכע טויזנט יאָרן —
ווײ, וואָס פון אונדז איז געוואָרן!

ער שלאָפט. אויף זיין באָרד פּאַשען רואיק זיך פליגן,
אַזוי ווי אויף פעלדער פון חומש — די ציגן.
געגאַנגען איז ער איבער ימען און לענדער
מיט באָרוועסע פיס און פאַרגאַרטלטע לענדן.
ווו זענען די טשערעדעס שעפּסן און רינדער?
ער מורמלט פון שלאָף בלויז: די קינדער... די קינדער...
געלאָפן... געפאַלן... פון הונגער... פאַרלאָרן...
ווײ, וואָס פון אונדז איז געוואָרן!

זעץ איך זיך אַוועק ביי זיין שטויביק צופוסן.
איך דאַרף אים נישט וועקן, אַז כ'זאָל זיך דערוויסן,
ווער ס'האָט אים געבראַכט אויף דער באַנק און געבונדן.
איך וועל אים נישט וועקן — נישט וועקן די ווונדן,
דאָס דרעמלט מיין טאַטע און ברומט ווי פון חלום:
וועסט דורכגיין, וועסט דורכגיין, וועסט דורכגיין בשלום,
און ס'דאַכט זיך, זיין פּנים ווערט לויטערער, קלאָרער. —
ווײ, וואָס פון אונדז איז געוואָרן!

ניין, כ׳ווייס, אַז איך וועל זיך נישט קענען גענאָרן,
ווייל דורך זענען מיר דאָך די זעלבע געפּאָרן.
אויף אונדז האָט, דער הימל מיט פייער גערעגנט
און יעדער וואָקזאַל האָט מיט רויך אונדז באַגעגנט.
אינמיטן פון הילכיקע קינדער-געוואַלדן,
מיר זיינען געלאָפן אין פעלד זיך באַהאַלטן,
די אויגן פאַרגראָבן אין גילדענעם קאָרן. —
ווי, וואָס פון אונדז איז געוואָרן!

וואָלט ער פאַר זיין זון מיך געוואָלט אָנערקענען!
וואָלט ער פאַר אַ קרבן געוואָלט מיך פאַרברענען! —
ער האָט אים געזוכט אין פאַרלוירענעם וואַנדער,
געוואָלט האָט ער זיין מיטן זון דאָרט, נישט אַנדערש,
נאָר ער האָט אליין דאָרט געליינט זיינע ביינער —
דער חלף האָט דאָרט נישט פאַרהאַלטן שוין קיינער,
נישטאָ קיין מלאכים — פאַרהאַלטער פון צאָרן...
ווי, וואָס פון אונדז איז געוואָרן!

.1942

נבֿמה

דער אָבערשטורמפירער גיט אָפּ די קאָמאַנדע,
זיין עכאָ אין וואלד קלינגט אָפּ האסטיק און שטרענג.
אַן אויסגעמוּשטרירטע תּלינישע באַנדע
האָט פּלוצים נאָך הייםאַט-געזאַנג זיך פאַרבענקט.
זיי רייסן די העלויזער, די לופּט נעמט זיך ווערגן,
די פייגל אין וואלד בלייבן שטום און פאַרשטאַרט.
נאָך זיי האָט פאַרקוקט זיך אַ בוים אויף אַ בערגל,
און גלייך זענען בלעטער געבליבן פאַרדאַרט.

די אויסגעמוּשטרירטע תּלינישע באַנדע
אַוועק איז מיט ריטם פון טראָט און פון ליד
און איבערגעלאָזן דער ערד, צו איר שאַנדע,
אַ שראַם אויף איר פּנים — דעם שפּור פון אַ שניט.
מיט דייטשישער פּינקטלעכקייט האָט מען פאַרשאָטן
דעם גרוב, און דעם שפּור פון פאַרברעכן פאַרמעקט,
נאָר אונטן האָט אַלץ נאָך דאָס לעבן געזאָטן,
און אויבן די ערד האָט נאָך אַלץ זיך באַוועגט.

די אַלטע וואָראָנע געזען האָט פון אויבן,
ווי שעהנווייז האָט נאָך דער גרוב זיך געוויגט.
ביז שפּעט אין פאַרנאַכט האָט די ערד זיך געהויבן,
ביזוואַנען זי האָט זיך באַרואיקט צוריק.
דאָרט האָט נאָך דאָס פּיצל געזויגט ביי דער מאַמען,
דאָרט האָט דער משוגענער אַלץ נאָך געלאַכט;
און ס'זענען פאַרליבטע געלעגן צוזאַמען,
אַזוי ווי מען האָט זיי צום שטאַרבן געבראַכט.

נאָר איינער פון זיי האָט זיך שטאַרבן פאַרשפּעטיקט.
איצט ראַנגלט ער זיך מיט פאַרבלוטיקטע הענט.
אַ דייטש האָט דאָך, דאַכט זיך, זיין טויט שוין באַשטעטיקט,
אַ דייטש האָט זיין ידישן פּאַס שוין פאַרברענט.
נאָר ער וויל נאָך לעבן, ער וויל זיך נאָך ווערן,
ער שטייגט פונעם גרוב מיט אַ שרעקלעכער קראַפט,
און זע: אין דער שיין פון די אייביקע שטערן
אַ ייד אויף דער ערד שטייט שוין ווידער און גאַפט.

דאָס פּנים אין בלוט, נאָר ער ווייסט נישט — אין וועמענס.
ס'איז אָטעמען גוט, נאָר צי אָטעמט דאָס ער?
אים דאַכט זיך: מע רופט אים מיט הונדערטער נעמען:
אים דאַכט זיך: ביז ווייטיק איז שאַרף זיין געהער.
דאָס מינדעסטע גרעזל, דער מינדעסטער דאָרן
רופט אָפּ אים פון יעדן געפערלעכן וועג:
— וווּ ס'ענדיקט דער וואַלד זיך, דאָרט גיי אינעם קאָרן —
זאָלסט מיידן די שטעט און די ליכטיקע טעג!

דריי טעג אין די וועלדער, דריי נעכט אין די פעלדער.
ער ווייסט נישט, צי גייט ער פאָרויס, צי צוריק,
ביזוואַנען ער טרעפט אויף אַ טייל, און ער מעלדעט:
— אַ שטעטל אַ טויטס האָט צו אייך מיך געשיקט!
— דו זאָג דיין פאַמיליע, דו זאָג אונדז דיין נאָמען!
— מיין נאָמען געדענקען וועט זיין אייך צו שווער.
כ'האָב הונדערטער נעמען, נאָר רופט מיך „נקמה“!
דערלאַנגט מיר אויף טויט דאָס געבענטשטע געווער!

מאָסקווע, 1945.

אין וואלד

דער פיקהאָלץ קלאפּט פאַרזיכטיק אָן און געהיים.
א פויגל פּאטשט אויף מיט די פליגל און לאכט:
— אָ, ביטע, מיין ליבער, דאָ וועט זיין דיין היים.
נאָך דיר ווערט די וועלט איצט פארמאכט...
ביז איבערן האלדז אינעם זוניקן ווינט
דער וואלד גייט אַוועק אין געראויש.
אַ שטאַם נאָך אַ שטאַם רוקט זיך אָפּ און פארשווינדט
נאָר ער טאָר פון וואלד נישט ארויס.

צעקאָרטשעטע צווייגן פארלייגן דעם וועג,
זיין האלדז פלעכט דער שפּינוועבס אַרום.
איז וואלד איז געגעבן דאָס רעכט אויף געיעג —
נאָר ער קוקט צעשראָקן זיך אום.
פון הינטער זיך עמעצנס אָטעם ער פילט —
אויף אים גייט עס איצטער די יאגד!
זיין לעבן איז אלץ פאַר דער ביקס נאָך אַ ציל,
זיין בלוט — פאַר אַ דייטשישער האק.

אָט דאָס איז די שרעק מיט איר טונקעלן חשך,
די שרעק, וואָס פארטרויט נישט דעם טאָג;
דאָס האָט ווי צערעדט זיך אַ טרוקענער בלאַט
און אים האָט זיך אויסגעדאַכט: „שלאָג!" —
דריי טעג, ווי ער גייט שוין אָן וואסער, אָן ברויט,
דריי טעג פונעם גרוב שוין אַוועק.
נאָר פוסטריט, פארטייעט נאָך אים גייט דער טויט
אין איבערגעטריבענער שרעק.

צעקנאָדערט, פאַרשטויבט און באַוואַקסן מיט מאָך —
אים וואָלט גאָט אַליין נישט דערקענט.
די קרוין פון באַשאָף איז אַרויס פון אַ לאָך
מיט טרוקענעם בלוט אויף די הענט.
עס יאָגט זיך נאָך אים איצט אַן אָראַנג-אוטאַנג —
די מאַלפּע, וואָס פירט אַ מאַשין;
עס יאָגט זיך נאָך אים איצט אַ דייטש אויף אַ טאַנק —
די מאַלפּע פון מענטשלעכן מין.

דער שטאָלענער פויגל אין הימל וואָס פליט,
דערשפּירט דאָ זיין רויב, און ער פאַלט,
ער זשומט און ער נישטערט: ווו איז ער, דער ייד,
וואָס וואַקסט אין דעם פּוילישן וואַלד?
די וועווערקע שטייט אויפן שפּיצבוים און גאַפט
און ווייסט נישט, אַז דאָס איז דער מענטש.
מיט וועמען געענדיקט האָט גאָט זיין באַשאַף
און שפּעטער — די שאַפונג געבענטשט.
דער אייביקער פּחד, דער האַז, שטייט פאַרווירט
און קען זיך נישט רירן פון אָרט.
ער שנאַפּט נאָך זיין ריח, און אים ער דערשפּירט
אַ חיה, וואָס לויפט פונעם מאָרד...

מאָסקווע, 1945.

אַ מעשהלע

אָ, קינד מיינס, דו פיר דיינע פינגער
אַדורך מיינע טונקעלע האָר.
צו טראָגן די שנאה ווערט גרינגער
און גרינגער — פאַרגעסן די וואָר.

איך וויל דיר דערציילן אַ מעשה,
נאָר דו ביסט צו קליין נאָך, צו קליין.
וואָס ווייסטו פון יאָר ניין און דרייסיק —
דעם יאָר פונעם גרויסן געוויין?

דיין טראָט אויף דער ערד איז נישט זיכער,
דו הייבסט ערשט אָן בינדן די רייד —
וואָס ווייסטו פון דייטש און רציחה,
פון מאַמעס און קינדער צעשיידט?

דו ציילסט אויף חדשים דיין לעבן,
וואָס האָט פון נישט-זיין אויפגעטויכט,
נאָר איבער דיין אויפקום — עס שוועבן
די וואַרשעווער הייזער אין רויך.

איך טרעף דאָרט אין איינעם אַ טויער
אַ קינד, פונקט ווי דו, טראָפּ און טראָפּ,
מיט אייגעלעך ריינע און בלויע,
מיט זיידענע האָר אויפן קאָפּ.

אַ סטעזשקעלע זוכט עס דורך פלאַמען,
דורך רויכן — אַ וועג זוכט דאָס קינד;
אַ סטעזשקעלע זוכט צו דער מאַמען
דאָס פּיצל, פון ווײַנען שוין בלינד.

איינס פון די פיסלעך איז באָרוועס,
דאָס צווייטע — באַזאָקט און באַשוכט.
קאָן זײַן, אַז דאָרט אונטער די חורבות
די מאַמע אַ שיכל נאָך זוכט...

נו, וועמען דערצייל איך, נו, וועמען?
ווי גוט, וואָס דו קענסט נישט פאַרשטיין.
ווי גוט, וואָס די ליכטיקע ברעמען
פאַרבלייבן נאָך קינדעריש ריין.

אַלמאַ-אַטאַ, 1943

צום לאַנד אָן געוויין

קינד מײַנס!
פֿון דײַנע טריטעלעך קלײן —
פֿון דײַן פּיצעלע האַנט,
איך לאָז זיך איצט פֿירן
צום ווײַטן לאַנד,
צום לאַנד אָן געוויין.

דיר פֿאַלט דער ווינט,
ווי אַ שאַל אויף די אַקסלען.
מיר גייען
און גייענדיק — וואַקסט:
נאָר מיר אין פּנים
פֿאַלן
אַלע שטורעמס און שלאַקסן,
אַלע רעגנס און שנייען.

מיר גייען,
און גייענדיק — גרוי איך.
אַט קומען מיר אָן:
ס'שטייט אָפֿן דאָס טויער
צום לאַנד אָן געוויין.
און פּלוצים דערזע איך,
ווי לעבן דיר
ווער איך קלענער און קלײן.

דיין מעכטיקע האַנט
טוט אַ פיר
איבער שפּאַנונג פון ווינטן —
מיין שרעק
פאַלט אַהינטער
אַזוי ווי אַ שטיין.
מיר גייען אַריין
אין לאַנד אָן געוויין.

אַלמאַ־אַטאַ, 1944.

מיין ניגון

דער וועג צו מיין היים איז אַ לאַנגער,
נאָר לענגער פון אים — איז דער ניגון,
וואָס גייט איבער אַלע געזאַנגען —
פון אָנהייב, פון וויגל.

אין ערב פון ווערטער און קלאַנגען,
נאָך איידער כ'האָב עפּעס פאַרשטאַנען,
מיט אָנהייב פון מיינע געזאַנגען
געפּרוווט האָב איך אנען.

אַ סך איז געוועזן און — פאַרגאַנגען,
נאָר איך, אויף דער העלפט שוין אַ מידער,
דעם אויפגאַנג פון מיינע געזאַנגען
כ'הער ווידער און ווידער.

אין רויש און אין בונטע פאַרלאַנגען
מיין האַסטיקע יוגנט פאַרבליט האָט.
אין פרילינג פון מיינע געזאַנגען
זי לעבט און זי ציטערט.

כ'געדענק, ווי אין נויט און געראַנגל,
אין שנאה און טעמפּקייט פאַרקראַטעט —
אין רייפקייט פון מיינע געזאַנגען
די פאָן האָט געפלאַטערט.

די פוילישע הארבסטן די באנגע,
די הימלען די גרויע געדיכטע,
אין אורקוואַל פון מיינע געזאַנגען —
זיך לייטערן ליכטיק.

אזוי ביזן סוף שוין געפאַנגען
געפירט וועל איך ווערן פון ניגון,
וואָס גייט איבער אַלע געזאַנגען —
פון אָנהייב, פון וויגל.

אלמא-אטא, 1944

דיין ביאָגראַפיע
(דינה)

א.

ווי ווייט, מיין גאָט, ווי ווייט!
ס'איז אַלמאַ - אַטאַ
אַ שטאָט אַזאַ,
וווּ פרילינג
קומט קיינמאָל נישט צו דער צייט.
ווי ווייט, ווי ווייט —
די צייט:
נאָך מאָסקווע
און פאַר סטאַלינגראַד —
ס'איז חודש שבט.
נאָר דאָ
וווּ זון איז אום ווינטער שטאַרק —
וווּ שניי שמעקט מיט בלי,
דיין ערשטע שאָ
פאַלט שנעל פונעם באַרג.

ב.

דיין טאַטע איז ווייט,
דיין טאַטע איז נאָנט:
ער שטייט אין פאַבריק
און טראַכט וועגן פראָנט.
ווער האָט אים געשיקט?
ווער האָט אים געגעווייט?

ער שטייט אין פאַבריק
און טראַכט אוים דעם טויט.
מיט בלוט אויף זיין שפּיז,
אין גרויזאַמער גרויס,
ער טראָגט זיך פאָרויס:
ער שטייט אין פאַבריק
און טראַכט וועגן פראָנט —
דיין טאַטע איז נאָנט,
דיין טאַטע איז ווייט.
און דאָ —
זיין לעבן ווערט ווידער באַנייט

ג.

אַזאַ איז די היים,
אַזאַ איז די ערד
פון בלאָטע און ליים.
און שווער איז דער וועג,
וואָס פירט פון דעם העק,
דיין מאַמע אים גייט
אינגאַנצן אַליין,
זי וועט אים דערגיין
מיט דיר זאַלבעצווייט.

די ערד איז קיין ערד,
דער שניי איז קיין שניי,
דיין מאַמע זי זינקט,
זי וועט נישט דערגיין,
די שטילקייט קלינגט.
דיין מאַמע געשריי
האָט עמעץ דערהערט:

אַ רוסישע פרוי
הייבט אויף זי פון ערד,
און פירט זי אין שטוב,
און לייגט זי אין בעט,
און כליפּעט און גלעט,
און האַקט דאָס האַלץ,
און פייער ווי גאָלד
לויפט אום אויף די ווענט.
דאָס וואַסער זידט,
דאָס וואַסער זידט,
אַ רוסישע פרוי
פאַר כריסטאָס קנים.
נאָר נישט פאַר זיך
זי וויינט איצט און בעט —
דיין מאַמעס שיך —
זעט זי ביי דעם בעט...
עס קנאַקט דאָס האַלץ,
און פייער ווי גאָלד
לויפט אום אויף די ווענט.
דאָס וואַסער זידט,
דאָס וואַסער זידט,
אַ רוסישע פרוי
נעמט אָפּ אַ ייד
מיט פאַרכטיקע הענט. — — — —

אַזאַ איז די הים
אַזאַ איז די ערד
און דווקא אַזאַ,
האָט זי דיך דערהערט.

ד.

און איך האָב באַשטימט, אַז דיין נאָמען זאָל זיין:
דינה.
מיין בעסטע ירושה בלויז בלייבן זאָל דיין,
דינה.
נישט זייד זאָל דיר פּאַסן, נאָר פּשוטער ליין,
דינה.
זאָלסט גיין דורך דעם לעבן אין ליכט פון מיין פּיין,
דינה.

מיט דיר זאָל דער רוגז אַוועק פון מיין לייב,
דינה.
מקיים זיין זאָלסטו דאָס אַלץ, וואָס כ'פאַרשרייב,
דינה.
דעם דייטש זאָלסט, חלילה, נישט ווערן קיין ווייב,
דינה.
דעם זכר נאָך אים, ווי די אנגסט מיינע טרייב,
דינה.

און פריי זאָלסטו זיין פון דיין שוואַכקייט פון מין,
דינה.
נישט מידת־הרחמים, נאָר מידת־הדין,
דינה.
דאָס איינציקע נחת, וואָס איך דיר פאַרגין,
דינה.
מאָן איין די נקמה, וואָס שולדיק איך בין,
דינה.

באַנוגענען זאָלן דיך וואַסער און ברויט,
דינה.
און ליב האָבן זאָלסטו די פאַרב מיינע — רויט,
דינה.
ווי זאָיע, מיט לייב און מיט לעבן פאַרטרויט,
דינה.
און — אויב מען וועט דאַרפן — ווי זי, גיי צום טויט,
דינה!

ה.

וויין, טאָכטערל, וויין.

אין אָנהויב פון פרילינג געבוירן
ביסטו, נאָר דער בעז האָט פאַרבליט
און איך, ביי דיין וויגל פאַרלוירן,
געפין אַלץ פאַר דיר נישט קיין ליד.

נישטאָ אין מיין האַרץ איצט דער ניגון
וואָס טויג פאַר דיין רו, פאַר דיין שלאָף.
ווי זאָל איך דיך איצטער פאַרוויגן
מיט ווערטער פון שנאה און שטראָף?

אין פוילן דיין זיידנס מצבה
ליגט איצטער פאַרוואַלגערט, געשענדט,
דיין פאָלק איז שוין גרוים ווי א שבט
און ווערט אין טרעבלינקע פאַרברענט.

און דו ליגסט אַצינד אין דיין וויגל
ביים ברעג פון א חרובער וועלט,
און ס'ווערן פון פלאַמיקע פליגל
דיין בליק און דיין אָטעם פאַרשטעלט.

ווען איך דיין געשריי נישט פאַרשטערן —
דיין בלוט איז קיין בלוט נישט, נאָר פלאַם.
אין אייגעלעך דיינע — נישט טרערן,
נאָר שפּריצן פון שנאה און סם.

ו.

דיין קליינינקע באָבע ווערט קלענער
און בייגט זיך אַלץ מער צו דער ערד.
זי הערט שוין אויף מענטשן דערקענען
און דרייט איבער אַלץ וואָס זי הערט.

זי קען שוין נישט האַלטן קיין סודות
און רעדט אָפט ווען זי בלייבט אַליין,
קומסט אָן אומגעריכט — הערסט, זי פּלוידערט.
נאָר וואָס — איז דיר שווער צו פאַרשטיין.

דיין באָבע, די אַלטע, די קליינע
שפּאַצירט איצט פון הויז צו הויז.
און אַלצדינג דערציילט זי די שכנים,
און אַלצדינג זי זאָגט זיי איצט אויס.

די שכנים — זיי קוקן זיך איבער
און טאַקעווען צו, ווי עס פּאַסט,
דערנאָך גייען זיי אין די שטיבער —
דיין באָבע בלייבט איבער אין גאַס.

ז.

געבויגן אינדרייען, געהאָרבעט —
זי שיקעוועט זיך אינעם וועג.
זי טוט אויפן האַלדז אָן די טאָרבע
און לייגט דאָרט אַריין איר פאַרמעג.

ווי אַלעמאָל וועט זי זיך זוימען
אין רווישיקן בונטן באַזאַר.
ווי אַלעמאָל — קומען נשתּומם,
אַזוי ווי אַרוים פון געפּאַר.

פאַרנאַכט, ווען די פאַרביקע שקיעה
פאַרכישופט דעם שנייאיקן באַרג,
מיט לאַסט און געבויגענע קניען
דיין באָבע וועט קומען פון מאַרק.

דערנאָך וועט זי בלאָזן אין פייער
און קאָכן אַ מאַכל אַזאַ. —
מיין קינד, דאָס איז אונדזער צושטייער —
מלחמה אין אַלמאַ-אַטאַ.

ח.

אוי וויי, האָט געוואָיעט דער ווינט
אוי וויי, האָט געוויוגעט דער שניי.
אין כאַטע געוויינט האָט דאָס קינד
ביי לײדיקע פלעשעלעך צוויי.

די באָבע איז אַלט שוין און שוואַך,
די באָבע — קוים-קוים וואָס זי גייט,
נאָר קליין איז דאָס קינד און די שפּראַך
פון הונגער און דאָרשט נאָר פאַרשטייט.

אוי וויי, האָט געוואָיעט דער ווינט,
אוי וויי, האָט געוויוגעט דער שניי.
די באָבעשי לויפט שוין געשווינד
מיט לײדיקע פלעשעלעך צוויי.

די ערד איז איצט װוּנדערלעך גלייך,
דער שניי האָט די װעגן פֿאַרמעקט.
די באָבעשי שווימט אין אַ טייך
מיט פּיס אין צוויי שקראַבעס פֿאַרשטעקט.

די װײַטקייט װערט נאָענט און בלענדט
און רואיק — דאָס אַלטע געמיט.
איר שטוב האָט דער דײַטש נישט פֿאַרברענט
די ערד — אונטער איר נישט צעגליט...

זי גייט אין דער בלױלעכער שײַן,
אַזוי װי אין שטעטל אַמאָל;
זי גייט דורך דעם װינטער אַרײַן
אין פּאַלאַץ פֿון שניי אין קרישטאָל.

די באָבעשי גיט זיך אַ דריי
און מאַכט אויף צוריקוועגס אַ שפּײַז,
דער באָדן זינקט אײַן, און דער שניי
פֿאַרפּירט איר צום טאַנץ אין אַ קרײַז.

זי פֿאַלט אין פֿאַרשאָטענעם גרוב —
אַ װײַכקייט נעמט אײַן זי, פֿאַרנעמט.
אָט דאָס איז דאָך טאַקע איר שטוב —
איר שטוב האָט דער דײַטש נישט פֿאַרברענט.

— — — — — — — —

אוי װײ, האָט געװאָיעט דער װינט,
אוי װײ, האָט געװוינעט דער שניי,
געאײַלט און פֿאַרשאָטן געשווינט
די ליידיקע פּלעשעלעך צוויי.

ט.

דיין באָבעס צוקאָפּנס איז איצטער אַ ציגל,
און דו ליגסט דערלעבן אין שטרויענעם וויגל.

דיין באָבע אויף דר׳ערד ליגט שוין דריי טעג אַ טויטע
און דו — אינעם וויגל — מיט הענטעלעך רויטע.

דיין באָבע איז שטייף שוין, אין שטוב איז אַ קרירה,
און דו פּלאַפּלסט ווייטער דיין קינדערשע שירה.

זיי קומען און הייסן זיך מאַכן אַ וואַרע
און פירן אַדורך ביי דיין באָבען די טהרה.

דיין באָבע די פרומע — זי קען זיך נישט ווערן,
אַ רוסישע פרוי צלמט איבער איר שטערן.

דיין באָבע די פרומע — זיי זענען זיך טועה,
זיי בעטן איר אוים אין אַ טרומנע מיט שטרויען.

דיין באָבע די פרומע — פאַרגאַנגענע יאָרן —
פאַרקלאַפּט מען מיט טשוועקעס אין הילצערנעם אָרון.

*

ואני —
און איך האָב
דיין מאַמעס געזונט נישט פאַרהיטן.

מיר האָבן פון פוילן געוואַנדערט
צוזאַמען, דעם אומקום געמיטן.
מיר האָבן געהאָלפן איינאַנדער
די גרענעץ אַריבערצושפּאַנען
און אומגיין די דײַטשישע וועכטער,
וואָס זענען אויף וואַרטע געשטאַנען
מיט בלוטיקן ליד און געלעכטער.

צו פרי איז דער שניי אויסגעפאַלן
אין האַרבסט פונעם יאָר ניין און דרייסיק.
אין פוילישע כאַטעס און שטאַלן
געראַיעט האָט ס'אומפּלייט פון פרייסן.
זיי האָבן פאַרשטאָפּט אַלע וועגן
מיט פרעמדע און שרעקלעכע קלאַנגען.
דיין מאַמע און איך — זיי אַנטקעגן —
מיר זענען אויף מזרח געגאַנגען.

ביטאָג האָט דער שניי נאָך געטייעט
און ווידער אַנטפּלעקט נאָך די ווזשאָסן.
נאָך אונדז האָט געריישט די לויה
פון וועלדער מיט ווינטן פאַרגאָסן. — —
אַ דייטש שפּרינגט אַרויס פון זיין בודע
אין האַנט — אַ רעוואָלווער, ער פּאָכעט,
פון פּיסק קנאַלט אַ סעריע מיט „יודע“ —
די דייטשישע שפּראַך פון נצחון.

מיר גייען די גרענעץ אַריבער:
פאַרביי אונדז עס טראָגט זיך אַ רייטער
אינצווישן די האָרפּישע שטיבער.
ער גריסט אונדז און טראָגט זיך שוין ווייטער.
נאָר איך האָב באַוויזן דערקענען
דעם רויטן פינפעקיקן שטערן.

אַ יאָר בלויז פֿון רואיקייט ליבער,
דערנאָך איז געקומען דאָס צווייטע.
דער דייטש איז אין אָנגריף אַריבער
אויף שטחים סאָוויעטישע, ברייטע.
מיר האָבן אַ צווייט מאָל געוואַנדערט
אַנטרונען פֿון טעמפּקייט און צאָרן.
נאָר דאָרט ביי דעם ראַנד פֿון די ראַנדן
האָט דיך גראָד דיין מאַמע געבאָרן.

ואני —
און איך האָב
דיין מאַמעס געזונט נישט פֿאַרהיטן:
ווען דו האָסט דיין מאַמען געקענט שוין —
אַ פּרוּוי האָט דיין מאַמען פֿאַרביטן,
איר ליבשאַפֿט — רחמנות פֿון מענטשן.
איצט איז זי צו דיר אַזאַ נאָנטע,
איצט איז זי אַ ווייטע, אַ ווייטע.
מיט בלוט און מיט טרערן זי מאָנט דיך
און וויל זיך נישט לאָזן פֿאַרבייטן.
און דו, אין אַ זייטיקן געסל,
אין הויז פֿון די איינזאַמע קינדער,
וואָס האָבן די מאַמעס פֿאַרגעסן —
די אָנונג מיט איר בלויז פֿאַרבינדט דיך.

ואני,
און איך האָב
דיין מאַמעס געזונט נישט פֿאַרהיטן.

יא.

דיין קינדהייט פאַרשרייב איך, איך צייל דיינע יאָרן:
פונדאַנען זאָל אָנהויבן גיין דיין זכרון.

זאָלסט וויסן ווער ס'האָט דיך צעשיידט מיט דיין מאַמען,
כדי מיט יתומים זיך כאָווען צוזאַמען.

דיין מאַמע איז יונג, נאָר איר קאָפּ גענעמט שוין גרויען,
און דיך כאָוועך פרעמדע, כאַטש רוסישע פרויען.

דיין מאַמע קוקט אַלץ מיט פאַרלאָפענע אויגן
און זעט, ווי דו ווערסט פונעם נעפּל פאַרצויגן.

גערענק ווער ס'איז שולדיק און היט אָפּ דעם צאָרן —
פונדאַנען זאָל אָנהויבן גיין דיין זכרון.

פון עשיו'ן נעם איך אַ טייל פון זיין ברכה:
דיין האַרץ זאָל פון מיטלייד נישט ווערן געבראָכן.

דיין האַנט פאַר געווער, פאַר נקמה — דיין סטיכיע —
על חרבך תחיה, על חרבך תחיה!

אַלמאַ-אַטאַ, 1943

געדענק נאָר

גאָלדען

געדענק נאָר דאָס שטיבל פֿון דלת על דלת
מיר האָבן געלעבט דאָרט אינדרייען צוזאַמען —
מיר האָבן אין ענגשאַפֿט געטיילט זיך מיט אַלעם,
מיר ביידע, דיין אַלטע פֿאַרוואָגלטע מאַמע.

אַ שטיבל אַ קליינס זאָל אַזויפֿיל פֿאַרנעמען:
סיי חושך, סיי קעלט און סיי שטענדיקן הונגער;
אַ שטיבל אַזאַ זאָל נישט קאָנען פֿאַרשעמען
די ליבשאַפֿט, די לידער, וואָס איך האָב געזונגען...

מיר האָבן געדאַרפֿט נאָך אַן אָרט פֿאַר אַ פּערטן,
מיר האָבן געדאַרפֿט נאָך אַן אָרט פֿאַר אַ וויגל.
אַז ס'זאָל דאָס געווייַן פֿון אַ קינד זיך אַ הער טאָן,
חוץ ברויט זאָל מען דאַרפֿן נאָך מילך אינעם קריגל.

געדענק נאָר דאָס שטיבל פֿון דלת על דלת
געדענק נאָר דעם ווינטער פֿון יאָר צוויי און פֿערציק:
מיר האָבן אין פּירן, מיר האָבן דאָרט אַלע
אַנטקעגן דעם שונא, דעם אומקום געווערט זיך.

דיין מאַמע איז טאָפּל געוואָרן געהאַרבעט,
ווען זי איז מיט מזל געוואָרן אַ באָבע:
פֿון הינטן די זיקנה, פֿון פֿאָרנט — די טאָרבע,
ביז וואַנען מען האָט זי אַוועק אין ווינטער באַגראָבן.

דאָס קינד האָט אַלץ העכער און העכער געשריגן,
פֿאַרנומען דאָס ליידיקע אָרט מיט זיין שרייען,
און וויינענדיק האָסטו געזונגען ביים וויגן,
און מיר זענען ווידער געבליבן אינדרייען.

צום בוים און צום דרויסן

דער בוים אין מײַן פענצטער פֿאַרגעסן האָט בליִען,
ער האלט זײַנע צווײַגן אַרונטערגעלאָזן.
אים חלומט זיך אַלץ, אַז פֿאַרגוואַלדיקט — אַ תּליה —
איז ערגעץ געוואָרן זײַן שוועסטער — בעריאָזע.

און כאָטש דאָס איז ווײַט: אויף די חרובֿע ערדן,
ווו גרינס ליגט אין אַש און הימלען — אין רויכן,
דאָך זעט ער דעם נידעריקן וווּקס פֿון די מערדער,
וואָס פּרוּוון דעם טויט צו די צווײַגן דערהויכן.

— אוי, ווינט, וועלכע נײַעס האָסט געבראַכט און פֿונוואַנען,
— פֿאַרוואָס לאָזטו קלינגען דעם טרויער אין דראָטן?
— אַוועק פֿונעם דאָרף זײַנען דרײַ פּאַרטיזאַנען,
איצט הוידעט זיך איינער פֿון זיי, ווי אַ שאָטן.

דו זעסט דאָרט דעם וואָלקן? איך רײַס אין אים קריעה
און דו — גיי אַרויס צו דײַן בוים און צום דרויסן.
דער בוים אין דײַן פענצטער וועט סײַ־ווי נישט בליִען,
נישט אים און נישט דיך איז דער פֿרילינג הײַנט אויסן..

אַלמאַ־אַטאַ, 1943.

1944

אַזוי גייט עס ווידער אַ יאָר
אַוועק צו פֿאַרגאַנגענע יאָרן,
און אָנשטאָט דער בלוטיקער וואָר —
אַ קאָרב אין געקאַרבטן זכרון.

כ׳האָב זעלטן מיט ווײַן און מיט פֿרייד
געמאָלדן דעם טויש פֿון די צײַטן.
איין ניגון האָט שטענדיק באַגלייט
די יאָרן, וואָס פֿלעגן זיך בײַטן.

נאָר איצטער — אין רעש און גערויש —
אַ יאָר ווערט באַגעגנט אין פֿײַער.
די קויל אין האַרמאַט ווערט געטוישט
און מעלדעט דעם שונא אָן: ניי־יאָר!

איצט ווילט זיך דאָס יאָר, וואָס פֿאַרגייט,
צעבייגן אַזוי ווי אַ קראַטע;
איצט ווילט זיך מיט ווײַן און מיט פֿרייד
אַרוים צו אַ גליקלעכע דאַטע.

איך וואַרט אויף דער שעה אין דער נאַכט,
ווען טאָן וועט אַ צאַפּל דער ציפֿער:
דעם אָנזאָג פֿון זיגרייכער שלאַכט
וואָס פֿיר איז זיין ליכטיקער שיפֿער...

א בריוו פון פרייסן

דער וועג איז געווען א שווערער, אַ לאַנגער,
געפאלן איז איינער, און נאָך אים — דער צווייטער,
און דאָך — ס'האָט באוויזן צו פרייסן דערלאנגען
דער דריטער צו נעמען נקמה אַ גרייטער.

ער ווייסט, אַז אין ווארשע איז איבערגעבליבן
אַ רעשטל פון יידן — אַ טרייסט און א חידוש.
איז אפשר דערפאר האָט ער איצטער געשריבן
דאָס בריוול פון פראָנט אויף אַ היימישן יידיש.

זיין חבר דער רוס האָט געוואונדערט זיך איידל:
ווער שרייבט דאָס אַ בריוו פון דער זייט דער פארקערטער?
ווי שיקט מען אוועק אַזאַ כתב צו אַ מיידל?
וואָס וועט זי פארשטיין פון אַזעלכענע ווערטער?

דער ייד האָט געענטפערט: נישטאָ שוין מער קיינער...
צו וועמען זשע שרייב איך? נישט וויכטיק, נישט וויכטיק.
איך שרייב, אויף דער דייטשישער ערד דער געמיינער,
איך שרייב, ווייל פון שרייבן אליין ווערט מיר ליכטיק.

איך שרייב אויף דער שפראך פון מיין מאמע, מיין שוועסטער,
וואָס גייען מיר נאָך טראָט נאָך טראָט אין די שלאכטן;
איך שרייב אויף דער שפראך פון מיין ליבסטער, מיין בעסטער,
ווייל גראָד אויף דער שפראך ווענן מיר פלעגט זי טראכטן.

דעם בריוו שיק איך אָפּ מיט דער פעלד־פּאָסט, דער טרייער,
להכעיס דעם שונא, פון קיום אַ צייכן.
און ווער ס'וועט אים לעזן, זאָל וויסן: דורך פייער
אַ ייד צו דער דייטשישער הויפּט־שטאָט וועט גרייכן!

מאָסקווע, 1945.

איך לעב

איך לעב, און דאָס הייסט: איך פארגעס,
און זיס איז דאָס ברויט, וואָס איך עס,
דאָס וואסער איז ווידער געשמאַק,
אויף האקן דאָס האָלץ איז די האק.

מיט שטילקייט איז ווידער מיר גוט,
און מיינס — איז שוין ווידער מיין בלוט.
מיין גוף ווארט שוין ווידער אויף גליק
און נישט אויף א דייטשישער שטריק.

מיין מיידל, רוק נענטער זיך צו!
איך וויים, ביסט נישט אויסן מיין רו...
און דאָך העלפסטו גיין מיר אוועק,
א שפאַן פון דער נעכטיקער שרעק.

דער בלוי פון דיין אויג איז דאָך ריין,
און איך וויל דאָ גאָרנישט פארשטיין.
פאר מיר איז גענוג בלויז דער נס —
איך לעב, און דאָס הייסט: איך פארגעס.

מאָסקווע, 1945.

פאר דעם, וואָס וועט נישט קומען

און פאַר דעם, וואָס וועט צוריק נישט קומען,
בליען עטוואָס אנדערש איצט די בלומען.

קוק זיך איין: די רויטע רויז איז רויטער,
קוק זיך איין: די ווייסע — מער נאָך לויטער!

אויפן פעלד דער קאָרנבלום איז בלויער,
די קאַנוואַליע־קעפּלעך — מער אין טרויער!

און אפילו ס'פּראָסטע געלע בלימל
פילט זיך נע'נטער צו דעם וויטן הימל...

און פאַר דעם, וואָס איז אין שלאכט געפאלן,
ווי אַן אָרדן ברענט די זון אין שטראלן.

אין איר ליכט ווערט נאָלד פון גרינעם קאָרן,
פולע זאנגען — זיינע יונגע יאָרן.

ס'וועט זיין ברודער זייער שפּע דרעשן
און דעם טרויער פון זיין מאמען לעשן.

און פאַר דעם, וואָס איז אין בלוט געבליבן,
וועלן שיינע מיידלעך שענער ליבן.

גרויע אויגן וועלן ווערן גרויער,
יעדע ליידנשאפט — געמישט מיט טרויער.

טוליען וועט זי זיך אין ליבנס אָרעם,
טראַכטן: ס'זאָלט דאָך ווער געווען אַ פּאָר אים...

און דערווײַלע וועלן קינדער וואַקסן,
ביז זיי וועלן גרייכן זייַנע אַקסל.

פון די גרויסע, שיינע מעשות הערן,
וועגן דעם, וואָס וועט צוריק נישט קערן.

און אין רוסלאַנדס וווּנדערשיינע לידער
וועט ער אויף זיין שלאַכט־פערד רייטן ווידער.

מאָסקווע, 1941.

אויפן רויטן פּלאַץ

אין יענעם אָוונט זענען מיר געגאַנגען
צום רויטן פּלאַץ, געאָרעמט, מיט דער שטאָט;
און דיך אין צווישן טויזנטער געזאַנגען
כ'האָב אָפּגעלאָזן אויף דעם פאָלקס באַראָט.

פאָרויס, פאָרויס די גאַס האָט אונדז געטראָגן,
וווהין? מסתמא צו דער העכסטער פרייד.
ווען איך האָב עפּעס שטילס געפּרווט דיר זאָגן,
האָט אונדז מיט אייפער דער המון צעשיידט...

איז גוט, מיר דאַרפן/אַלעמען געהערן.
צו גרויס דאָס גליק, עס זאָל בלויז אונדזערס זיין.
מיט מאָסקווע גייען מיר צום רויטן שטערן,
מיט סטאַלין — אין דער אייביקייט אַריין!

דו שטעלסט זיך אָפּ. מיט חידוש אין די אויגן
דו ווייזט מיר אויף דעם אָוונט-הימל אָן:
— אָט זע, אויף העכסטער הייך אַרויפגעצויגן —
ער פלאַטערט רויט די זיגערישע פאָן!

— קום ווייטער, קום, אין ליכט פון פּראָזשעקטאָרן,
און לאָמיר פעסט זיך האלטן ביי די הענט!
צוזאמען ווערן מיר אויף טויזנט יאָרן
דורך אָט דעם אויגנבליק אַדורכגעברענט...

ס'וועט ווען-עס-איז אַ פּאָר ווי מיר אין טרערן
פאַרקוקן זיך אויף אונדז אין וואונדערשיין, —
מיט מאָסקווע גייען מיר צום רויטן שטערן,
מיט סטאַלין — אין דער אייביקייט אריין!

מאָסקווע, 1945.

אזוי גייען יידן צוריק אין איירָאפּע

פאַרוים גייט דער עמוד־האש פון צעשטערן,
און הינטן — פון חורבן דער עמוד־העגן.
אויף יעטווידן אָפּשטעל — מגפה, פאַרצערונג,
און יעטווידער טראָט פרוווט דעם מדבר דערמאָנען.

פאַרמעקט זיינען שטעט און נישטאָ קיין בית־ עלמין
אַפילו, ווו שטעלן זיך שרייען און קלאָגן.
בלויז איינער אַ בוים איז געבליבן אַן אַלמן —
אויך ער שטייט אין היץ פון דער שרפה פאַרטראָגן.

אזוי גייען יידן צוריק אין איירָאפּע.

די טייכן, מיט שליימיקן אייטער פאַרצויגן,
דערשפּירן — און הייבן אָן ווידער צו זידן:
ס'גייט ווידער דאָס פאָלק מיט פאַרבלוטיקטע אויגן
און זוכט אַלץ די היים מיט פאַרטיליקטע יידן.

דאָס גראָז איז פאַרזעגנט און דאָס ברויט וויל נישט ווערן.
פאָרוים אויף יאָרהונדערט האָט שוין דאָס פייער
פאַרשלונגען דעם טוי פונעם הימל, די טרערן,
וואס פלעגן די שפע פאַר פעלדער געדייען.

אזוי גייען יידן צוריק אין איירָאפּע.

די צייט האָט פאַרגעסן די ציילונג אויף דורות,
דער טויט האָט געהיפּט פונעם איניק צום זיידן.
ווי ליידיק, ווי שטיל, אז דער ווינט האָט אויך מורא
און האָט נישט מיט וועמען זיך איבערצורײדן.

נעם אויף זיי, אייראָפּע, מיט וונדער - פאַרערונג!
אַ פאָלק גייט פון מדבר אַ היים פאַר זיך מאָנען.
פאָרויס זיי — דער עמוד-האש פון זיך ווערן,
און הינטן — פון חורבן דער עמוד-הענן.

נאָכן חורבן

נאָכן חורבן

מיר וועלן לאנג נאָך ציילן יעדן טויט,
מיר וועלן לאנג נאָך שפּירן יעדע וווּנד,
נאָך צאַרט און איידל איז די דינע הויט
וואָס טיילט אָפּ פון יסורים דאָס געזונט.
אויף שטילע פעלדער בלאָנדזשעט נאָך די שרעק
צוזאמען מיט פארצווייפלונג און מיט מוט —
די דריי, וואָס זענען אין דער שלאַכט אַוועק
און זיך פאַרייניקט אין דעם העלדיש בלוט.
דער ווינט, וואָס האָט אויף תליות זיך געוויגט,
און שפּעטער היטלערס פאָנען ווילד געיאָגט,
און ווידער מיט דער רויטער פאָן געזיגט —
פאַרהאַלט זיך ביי אַ קבר נאָך און קלאָגט...
די ערד האָט נישט פארדייעט נאָך דאָס בלוט,
די צייט האָט נישט צעמאָלן נאָך דעם ביין,
און ס'קריצן אלץ ווי פריער נישט באַרוט
אין טויטן־שאַרבנס — אָפּגעדעקטע ציין.
דער שטילער מאָך דעקט צו, דאָס גראָז — פאַרהיילט,
דער פויגל נעמט אין פלי אַרום דעם רוים,
נאָר ס'ליגט אַ קאָפּ פון גוף נאָך אָפּגעטיילט
און וועגן תליון טראַכט נאָך אַלץ אַ בוים.
נאָר איך — פון בלוט אַרויס הייב איצט דעם קאָפּ,
ער שטייגט דעם ראַנד אַריבער פון דער נאַכט.
דער שאָטן — אַ פאַרברענטער — פאַלט אַראָפּ —
איך בענטש די גוטע שטילקייט נאָך דער שלאַכט!
פון עק צו עק עס ציטערט דורך דאָס ליכט
און טיף און רויק אָטעמט אָפּ די ערד.
און מיטאַמאָל — אינגאַנצן אומגעריכט —
דעם רויש פון טאָג און שלום כ'האָב דערהערט.

נישט פון קיין ווייטער נסיעה

איך קום נישט אצינד פון קיין ווייטער נסיעה —
אָ, חורבות פון מיינע פאַרגאַנגענע יאָרן!
איך בין נישט געקומען אויף רייסן איצט קריעה
און נישט אויף פאַנאַנדערצוברעכן מיין צאָרן.
איך קום פון מיין לאַנד — פון דעם אייביקן גלויבן,
אַז בלוט קאָן אין פייער נישט ווערן פאַרניכטעט;
אַז אויך יעדער אומגליק קאָן ווערן דערהויבן
צו העלדישן טאַט און נישט בלויז — צו געשיכטע.

געזען האָב איך דאָרט, ווי א פאָלק האָט געהונגערט
און האָט זיך דעם אומקום נישט אונטערגעגעבן;
געהערט האָב איך דאָרט, ווי די ערד האָט געזונגען
א שפאָן פונעם טויט — מיט די לידער פון לעבן.
אַפילו ביים ראַנד פון דעם לעצטן נסיון,
געטריבן פון קלעפ און פון שונאס געשרייען —
געגאנגען דער מענטש איז, געגאנגען איז זאָיע
מיט באָרוועסע פיס איבער רוסישע שנייען.

און דאָרטן בין איך אויך ארויס פון דעם שאָטן,
געשטעלט זיך אינמיטן דער וועלט און געזונגען.
און ארט איז געווען, און געסטייעט האָט אָטעם
אויף ווידער באַנייען דאָס בלוט אין די לונגען.

און דאָך האָט מיך אויך נישט געמיטן דאָס מינדסטע
דערפון, וואָס אויף פוילישער ערד האָט געטראָפן:
דער קנויל פונעם אומקום געגאַנגען איז פינצטער
מיט אלע ענוים און גרויזאמע שטראָפן.
און איך האָב פאר ווייט-זיין געמוזט אויך באַצאָלן:
נישט איינמאָל בין איך איבער גאַסן פון וואַרשע
געגאַנגען מיט פיס פונעם הונגער געשוואָלן,
געגאַנגען צום „אומשלאַג" די אייביקע מאַרשן;
נישט איינמאָל בין איך, מיט פאַרוואַסערטע אויגן,
פאַרלאָשענע לאַנג שוין פון שטילן שגעון,
געלעגן אין ווינקל, אין דרייען געבויגן —
ביז וואַנען דער טויט האָט שוין אויפגעהערט דראָען...
איך האָב די יסורים באהבה גענומען —
איך האָב דאָך געמוזט פאַר דעם ווייט-זיין באַצאָלן —
איך בין אויף דער וואָר זיי אנטקעגנגעקומען,
און אָפן געלאָזן פאַר זיי כ'האָב מיין חלום.

אצינד קום איך אָן — נישט געציילט נאָך די שעהן.
און פונקט, ווי איך וואָלט אָט די שטאָט נישט פאַרלאָזן —
איז יעדער צעבראָכענער ציגל מיר נאָענט,
און היימיש — די ווילדע, צעוואַקסענע גראָזן.
עס הייבן זיך אָן צו באַוועגן די שטיינער.
פאַרלאָשענע בערג הייבן ווידער אָן טליען.
און איבער דעם אלעם — דער לעצטער, איך איינער...
איך קום נישט אצינד פון קיין ווייטער נסיעה.

אַ פריילעכס

איך לאָד אייך אויף אַ חתונה:
מיט באָרוועס־טריט געלאַסענע
אין נאַקעט און אין הוילן —
איך לאָד אייך אין קיין פּוילן.

די ווייסל רייסט דאָרט קריעה
און אויף אַ בוים — אַ תּליה —
אַ קלעזמערל, אַ ראָבל
שאַרפט אוים דעם שוואַרצן שנאָבל.

עד! אויפגעשפּילט זאָל ווערן
דעם אומגליק און די טרערן!
צו טישן — ברידער־קבֿרים —
זאָל קומען רייך און אָרעם.

קומט אַריין די באָבע
מיט דער גרינער שובע,
קומט אַריין דער זיידע —
טאַנצן אַלע ביידע.

עד! אויפגעשפּילט זאָל ווערן,
דער טייוול זאָל דערהערן! —
אָט הענגט דער קלעזמער יידל,
יידל מיט זיין פידל.

קומט אריין דער טאטע,
מיט דער געלער לאטע;
קומט אריין די מאמע —
ווייגען זיי צוזאמען.

עך! אויפגעשפּילט זאָל ווערן!
ס'וועט קיינער איצט נישט שטערן —
נישטאָ אַרום דאָ קיינער,
נאָר גריבער פול מיט ביינער.

און אינמיצקע דרינען
קומען אָן די זינען,
קומען אָן די טעכטער
מיט אַ מין געלעכטער:

— נאַראָנים זענט איר אַלע —
ווו זענען חתן־כלה?
די כלה און דעם חתן
אַ דייטש האָט דאָ צעשאָסן!

עך! אויפגעשפּילט זאָל ווערן,
אַז אונדז זאָל אַלץ געהערן!
דער רוים — אַ שווארצע חופּה,
און געסט — די מתים־קופּע.

קוקט זיך אום די באָבע:
בלוט־פארפלעקט די שובע.
נעמט זי אָן דעם זיידן,
פירט אים אין גן־עדן.

מאָסקווע, 1944.

אמאָל איז געווען

כ'האָב שפּעטער געזען שוין, ווי ביאַליסטאָק ברענט,
נאָר חלומען חלומט זיך ווארשע אין פייער,
און איך שטיי אַ שטומער, מיט הילפלאָזע הענט,
און ס'דינט נישט די שטים, ווען איך וויל זיך צעשרייען.

וואָלט אַלץ ביזן סוף שוין געבליבן אַזוי,
וואָלט אַלץ ביזן סוף שוין געווען ווי אין חלום,
אַז ס'גייט אויף די ווארשעווער גאסן אַ פרוי —
מיין מאמע, וואָס ווארט אויף איר זון און אויף שלום.

ניין, ניין — פונעם חלום איז בייזער די וואָר.
די גרעסטע געפאַר איז איר בלאָס, איז איר ווייניק.
זי שרייט, אַז כ'וועל קיינמאָל נישט ווערן געוואָר,
ווו ס'וואַלגערן אום זיך די טויטע געביינען.

זי שרייט, ווארף די רייד די דיינע, ווארף זיי אַוועק,
דיר קען מער נישט העלפן דיין שפּראַך די געניטע.
וועסט קיינמאָל נישט שפּירן קיין שפּור פון דער שרעק
פון די, וואָס מען האָט דאָרט געפירט צו דער שחיטה.

וועסט קומען אַהין — ווען וועסטו דאָרט זען?
ביי וועמען וועסטו אויף די נאָענטע פרעגן? —
הייב אָן פונעם אָנהייב: אַמאָל איז געווען,
אַמאָל ביסטו דאָ אין אַ ווינקל געלעגן....

ישראל שטערן

ווען אויסגעגאנגען איז ישראל שטערן,
האָט צוגעשלאָסן זיך דער קוואל פון טרערן.

ווען ס'האָט זיין גוף געטאָן דעם לעצטן צאפל —
האָט נאָכאמאָל די ערד פארדינט אויף מבול.

נאָר דורך דעם בלוט, וואָס קלאפט אין מיינס אָן אָדער —
ער ווערט אָן אויפהער ביי דער וועלט געפאָדערט.

זיין גוף אויף דער עקדה פונעם הונגער —
זאָל שעלטן דער, וואָס האָט אמאָל געזונגען.

די שפראַך, וואָס האָט אמאָל געטויגט אויף גראמען,
איז אין זיין פיין געטונקען, ווי אין פלאמען.

אין וויסטן חלום-וואנדער זע איך איינעם:
דעם דיכטער שטערן אין א זעקל ביינער.

ער ליגט נאָך דאָרט אין געטאָ א פארשמאכטער,
און וועגן לעצטן גאָט-להכעיס טראכט ער.

ווייל אויב ס'איז אמת, אז לית דין ודין,
דארף יעדער שלאָגן זיך מיט זיין כלי-זין.

און ער האָט מער נישט ווי די פלאטפים שווערע,
ווי ס'בינטל כתבים פון דעם דיכטער שטערן.

דאָס לעצטע ליד מיט בלוט באַדאַרף מען שרייבן,
נאָר אויב דאָס איז נישטאָ — וועט ער דאָ בלייבן

און לאָזן זיך פון הפקר־ווינטן שענדן
און וועט מיט זיך די גאַנצע ערד פאַרלענדן.

אָ, זע! ער טיילט זיך אָפּ מיט לעצטן צאַפּל —
די ערד פאַרדינט איצט נאָכאַמאָל דעם מבול...

מאָסקווע, 1944.

חרוב

אַמאָל האָט דער גערער מלמד
מיך אָפּגענומען ביי דער מאַמען,
געזעצט מיך ביי אַן אַלטן חומש
אינמיטן דער חמימה פון זומער;
אַמאָל האָט דער געלער מלמד
אין שמוציקן קאַפּל פון סאַמעט
געפירט מיך אין אַ טאָג אַ הייסן
אַנטקעגן דעם האָריקן עשיו...

אַמאָל איז מיין קינדערישער חלום
געוואָרן צו הבל־הבלים,
געווינט זיך צו שמייכלען און שעמען
אַנטקעגן געכמורעטע ברעמען
פון אייביק פאַרברוגזטן טאַטן:
— די פרייד זאָל חלילה נישט שאַטן,
דער זון זאָל אַרויסגיין אַ פרומער
בשלום — פון ליכטיקן זומער...

אַמאָל האָט דער פוילישער הימל
באַזונדער געמאַכט זיך אַ סימן,
באַזונדער אַ פאַרב פאַרן חודש
פון יידישן פחד און שוידער.
מיין הארבסט האָט געהייסן דאָרט אלול,
און ס'האָבן די בלעטער די געלע
געכיאַנצט און געדרייט זיך אין הויפנס
צוב ניגון פון ווינט און פון שופר.

דערנאָך האָט געוועקט זיך מיין יוגנט —
אוועק פונעם טיש נישט באַנוגנט
און האָט מיט אַ ריינעם געוויסן
דעם שבת, דעם שווארצן צעריסן
מיט פלאַם פון דער פאָן, דער רויטער.
אוועק ווי אַ נוקם-ונוטר —
מיט יידישן נוסח און ניגון —
ביז איך קענען אומרעכט און ליגן.

און דאַן האָב איך טוישן די לידער
געפּרוווט אויף די רייד פון מרידה,
אויף בונט און אויף ליכט צווישן קראַטן,
און וואַרשע — פאַרקלעפּט מיט פּלאַקאַטן.
אין גאַסן געפירט כ'האָב המונים
מיט שטיינער אַנטקעגן דעם שונא,
מיט לידער אַנטקעגן באַגנעטן,
מיט פויסטן אַנטקעגן פאַרעטער.

אַלץ, אַלץ איז פאַרגאַנגען, איז חרוב,
פאַרמשפּט מיין בלוט איז זיין ערוב
פאַר אַלע — די שניידער, די שטעפּער,
די בעטלער, די זינגער, די שלעפּער;
די מענער מיט האסטיקע תנועות, —
די איידעלע פרויען — די צנועות, —
זיי אַלע, זיי אַלע, זיי אַלע,
זיי ברענען אין שולן, אין שטאַלן.

זיי שטאַרבן פון הונגער און פיבער,
מע טרייבט זיי זיך לייגן אין גריבער
און וואַרטן אויף לעצטן עינוים,
אַ שיכט אויף אַ שיכט — אַזוי רואיק
און וואַרטן, מע זאָל זיי פאַרשיטן
אינמיטן פון לעבן,
אינמיטן.

דענקמאָל

שמעון בר גיורא אויף דעם געטאָ-מויער
טויזנט יאָר און טויזנט — און ער דויערט.

איבער אלע צייטן, איבער אלע גרוילן
בלייבן וועט נאָך אים אַ דענקמאָל — פּוילן.

אויף די גרויע פעלדער, אויף די ווייטע וועגן,
עמעץ וועט אויף אים זיך ווען דערפרעגן.

טייכן וועלן לויפן, ווינטן וועלן רוישן —
אים בלויז וועט דאָרט קיינער נישט פארטוישן.

נייע דורות וועלן וויסטע שטעט באַזעצן,
אים בלויז וועט מען דאָרטן נישט פארגעסן.

אונדזער לייב און לעבן אין דער ערד פאַראַקערט,
אונדזער בלוט, וואָס האָט אין שלאַכט געפלאַקערט.

אונדזער גאנג פון מזרח איבער אָוונט-לענדער
און דער פאנאטיזם נישט געענדערט!

שמעון בר גיורא אויף דעם געטאָ-מויער
טויזנט יאָר און טויזנט — און ער דויערט!

אָן געווער ווי דעמלט, צאָרנדיק באַליידיקט —
ווערט דורך אים די געטאָ-וואנט פארטיידיקט!

נעמט זשע צו די שטיינער, בויט אויס נייע הייזער,
אפשר וועט ער ווידער זיך באַווייזן...

אַלע שיינע לידער, אלע אים געהערן —
קיינער וועט זיין אָנדענק נישט צעשטערן!

מאָסקווע, 1944.

צו דיר

און בלויז ווייל איך האָב אײנעם אומגליק אַ חלק,
דערלויב איך זיך איצטער צו דיר זיך צו ווענדן.
אָ, גאָט! ס'איז דיין נאָמען געבליבן אלץ הייליק
פאַר די וואָס מען האָט דאָרט געפירט צום פארלענדן.
און איך רייד צו דיר איצט, ווייל דו ביסט דער לעצטער,
צו וועמען עס האָט נאָך געפליסטערט מיין מאמע,
ווען זי איז געלאָפן צום טויט אַ פארהעצטע,
ווען ס'האָט זי דער גאז שוין געוואָרגן אין קאמער.
איך רייד איצט צו דיר, נאָר איך וויל אז דערהערן
זאָל דער, וואָס זיין האַרץ איז געבליבן פארפאנצערט,
און דער, וואָס זיין אויג איז געבליבן אָן טרערן,
און אַלע ביי וועמען דאָס לעבן איז גאנץ נאָך —
די אלע, וואָס האָבן מיין אומגליק געמיטן,
און זענען ווי פריער, נאָך מילד און געדולדיק,
פאר זיי וויל איך שטעלן זיך איצטער אינמיטן
פון וועלט און זיי זאָגן: כ'בין דאָ, איך באַשולדיק!
נאָר שוואך איז דאָס וואָרט און פארלירט שנעל דאָס חיות,
די צייט צימט דאָס איבער מיט גרויקייט און שימל.
כ'וויל שרייבן מיט פייער אויף גרויע יריעות,
אזוי ווי דער בליץ אויפן פוילישן הימל!

איך בין געבליבן

אָט דאָ, הינטער מאָסקווע, אין סאָסנע־וואלד שטיי איך
און קען נישט פארשטיין אָט דעם קלעפּיקן ריח
פון סמאָלע און האָניק, פון מאָך און פון שוואָמען,
וואָס גרייכט מיך פון פוילן, נאָך זעקס יאָר מלחמה
ווייל איך בין געבליבן, און איך מוז געדענקען,
אז ס׳לעבן דערלעב איך, בכדי נישט צו שענקען.

ס׳איז פרילינג אין ברען, און די קנאָספּן שוין קנאקן.
די זון האָט געפּאקט מיך, זיצט פעסט אויף מיין נאקן.
יאָ, יאָ — אין די סעדער פון מאָסקווע און ווארשע,
איז איינער דער דרך פון בליען ביי קארשן;
אין וועלדער פון רוסלאנד, אין וועלדער פון פוילן —
די ריחות די זעלבע פון גרינען און פוילן,
די פייגעלעך ריידן די זעלביקע שפּראכן,
דערציילן זיך נארישע, אייביקע זאכן. —
נאָר איך בין געבליבן, און איך מוז געדענקען,
אז ס׳לעבן דערלעב איך, בכדי נישט צו שענקען.

מיך האָט מען צעשפּאָלטן, גענומען א האלבן
און דווקא די קינדהייט מיט רוישיקע שוואלבן
געוואָרפן אין פייער, פארלענדט און פארוויסט זי —
איצט ליגט זי מיט מתים אויף ווארשעווער מיסטן.
און איך בין געבליבן און איך מוז געדענקען,
אז ס׳לעבן דערלעב איך, בכדי נישט צו שענקען.

באראָוויכע, הינטער מאָסקווע, 1945.

ווען איך וואָלט געהענט

ווען איך וואָלט געקענט פון זיך רייסן די הויט —
געזען וואָלסטו דעמלט, ווי בלוט קען זיין רויט;
ווען איך וואָלט צעשניטן אויף צווייען דאָס האַרץ —
געזען וואָלסטו דאַן, ווי די נאַכט קען זיין שוואַרץ.
נאָר בעסער פון אַלץ איז פאַרהאַקן די ציין
און בלייבן, ווי אַלעמאָל, איינער אַליין.

און ווען איך בלייב איבער אַליין מיט פיר ווענט,
פיל איך זיך אַזוי, ווי דער דאַך וואָלט געברענט,
פון אַלע פיר זייטן פאַרשפּאַרט איז דאָס הויז,
און איך וועל שוין קיינמאָל ניט קענען אַרויס.
און קומט-אָן די נאַכט איז שוין גרייט נאָך אַ שטראָף
און דאָס הייסט: מיין חלום, מיין אָפּרו, מיין שלאָף.

נאָך מער, ווי אויף וואָר איז די פּיין דאָרטן האַרב,
דער אומקום האָט דאָרטן אַ שאַרפערע פאַרב,
די פּנימער ווערן פאַרגרעסערט אין שרעק,
און — שלאָפנדיק — רויבן מיך טויטע אַוועק...
ווען איך וואָלט געקענט פון זיך רייסן די הויט —
נאָר זי היט מיין לעבן דאָך אָפּ פונעם טויט.

945

39

טרייסט

און יעדער גוטער פריינט זיך מיט,
און יעדער ברענגט מיר טרייסט צום ליר.

און איינער זאָגט: דער סאָסנע־בוים,
וואָס שטאַרצט פאַר דיר אין בלויען רוים,
זיין היימיש שטיקל ערד פאַרנעמט
און ערגעץ אנדערש איז ער פרעמד.

אַ צווייטער זאָגט, אַז אויך דער ווינט
צו צייט קומט אָן, צו צייט — פאַרשווינדט.
און יעדן מענטש, און יעדן פאָלק
פאַרבייט מפּלה דעם דערפאָלג.

מען זאָגט: דער מערדער נאָך זיין מאָרד
מוז בענקען צום פאַרברעכן־אָרט,
און ווערן שטויב, און ווערן ערד
איז סוף כל סוף אים אויך באַשערט.

נאָר ווער זשע, ווער זשע, ווער זשע ווייסט,
אַז נישט פאַר מיר איז דאָס אַ טרייסט?

פאַרגאַנגענהייט — אין טיפער נאַכט.
איך הער די סאָווע בלויז וואָס לאַכט:
— איך האָב דיך קיינמאָל נישט געזען,
דו ביסט אינגאַנצן נישט געווען!

דיין טויטער טאַטע זוכט זיין רו,
נאָר איך וועל אים נישט ווייזן — ווו.
אַ דייטשקע טראָגט דיין שוועסטערס קלייד,
אַ דייטש טראָגט אום דיין ברודערס פרייד,
און אין דיין מאַמעס שבת־שאַנק
איצט שטייט אַ חזיריש געשטאַנק.
פון זייער פלייש פון זייער הויט
דערנערט אויף פעלדער זיך דאָס ברויט.
און יעדער בוים, וואָס גרינט און בליט —
פון זייער בלוט יניקה ציט.
די פרוכט איז וווּנדערלעך אין טעם —
געמיסטיקט האָט מען מיט דיין שטאָם.

דערפאַר בעט איך: הערט אויף, נישט טרייסט!
וואָס ס'פעלט צום גליק — ווער ווייסט, ווער ווייסט?

1945.

קליינקעפּ

די קליינקעפּ, וואָס זיינען געבענטשט מיט אַ קורצן זכרון —
אין אומגליק זיי זיינען נאָך זאַטער און פעטער געוואָרן.

אליין שוין פאַרגעסן — זיי לערנען מיך עוולות פאַרגעבן:
ס'איז גוט אויף פאַרדייען דעם פּרעס, עס איז גוט פאַר
דעם לעבן.

זיי האָבן די ציין און דעם אימפּעט פון לאַנג שוין פאַרלאָרן,
זיי טענהן: „דאָס ליד קען נישט ליידן די טעמע פון צאָרן".

זאָל זיין. איך פאַרגין זיי די טרייסט, וואָס זיי האָבן
פאַרטראַכט זיך:
מיט נישטיקע לעבנס אין נישטיקע גופים פאַרמאַכט זיך.

זיי קענען איין ענטפער, אָט דעם בלויז, וואָס איז זיי
באַקוועמער,
אויף לייגן דעם ליכטיקן הימל אין אייגענעם עמער...

איך ווייס, אַז גערעכטיקייט שווער איז מיט רייד צו באַווייזן—
פאַראַן איין געווער בלויז: צו גיין מיט פאַראַכטונג פאַרביי זיי.

נאָר די בלויז, וואָס מוזן מיט פּחדים אויף אייביק שוין וווינען,
זיי ווייסן, אַז נישט מיט פאַרלייקענען וועט מען זיי שוינען.

זיי בעטן אַ וואָרט, וואָס איז פעיק דעם ווייטיק באַפרייען;
זיי ווילן געדענקען אין נאָמען פון לעבן דעם נייעם!

טויטע געשטאַלטן

אַ מענטש, וואָס זיין לעבן איז איבערגעבראָכן,
אַ מענטש, וואָס זיין לעבן איז איין אינדערוואָכן.

ער רעדט אויף פאַרשידענע, פרעמדע לשונות
די איינציקע שפּראַך פון די שוואַרצע זכרונות.

זיי האָבן אויף אייביק אין בלוט זיך באַהאַלטן,
בכדי צו באַלעבן די טויטע געשטאַלטן.

אויף אַלע יום־טובים און ווישיקע פריידן —
ער קאָן זיך מיט זיי אויף קיין רגע נישט שיידן.

פאַרקוילטע — זיי הערן נישט אויף דאָרט צו ברענען
און לאָזן אָן אויפהער פון אים זיך דערקענען...

ער ווייסט, אַז זיי ריידן: ער זעט די גרימאַסן
פון ליידן און פּחד, פון ווייטיק און האַסן.

דאָס זענען די גוטע און שלעכטע מלאכים,
וואָס האַלטן כסדר אויף אים די השגחה.

די גוטע פון זיי טראָגן טרויער צום ניגון,
די שלעכטע — אים לערנען מיט וועלט זיך צו קריגן..

ביינאַכט בלויז צוקאָפּנס, זיי זיצן צוזאַמען
און מישן אין חלום די שאָטנס און פלאַמען.

און ער — אויף אַ ווײַלע מיט לעבן צערייסט ער —
ער ווערט דאַן אַ בירגער אין לאַנד פון די גייסטער..

טו אַ נדר

איך בעט דיך, מיידל, טו אַ נדר
און פוץ זיך נישט אין שיינע קליידער,
ווייל פונקט אַזאַ ווי דו, מיין שיינע,
איז שוין געוועז ביי איינעם — איינע.

אַזאַ ווי דו, מיט מילדן שמייכל,
אַזאַ ווי דו, מיט האַרץ און שכל
געווען פון אַלע איז געטרייער
און גרייט צו גיין פאַר אים אין פייער.

נאָר אין אַ פרילינג־טאָג, אַ קלאָרן,
אין געטאָ איז אַ דייטש פאַרפאָרן,
דאָס קלייד פון איר אַראָפּגעצויגן,
פאַרברענט מיט בושה אירע אויגן.

די האָר פון קאָפּ איר אָפּגעשניטן
אויף שפּעק און בראָנפן אויסגעביטן,
איר גוף אין פעטן אַש פאַרוואַנדלט,
דאָס אַש — אויף מיסטיקונג פאַרהאַנדלט.

דאָס קלייד פאַרקויפט מען אויף יאַרידן
דער סוחר רימט: עס שטאַמט פון יידן.
אַ סימן — אַז דער שטאָף איז איידל
און ציכטיק — ווי אַ יידיש מיידל.

תליה

אַ מענטש זוכט אויס אַ בוים אין וואַלד אין ־אַלטן
און מיט זיין זעג און האַק — ער זעגט און שפּאַלט אים.

און ווען דאָס געלע בלוט זיינס ווערט פאַרשטאַנען —
דער בוים קאָן מער זיך נישט אין וואַלד דערמאַנען.

צו וואָס דערצייל איך איצט אַזעלכע זאַכן? —
מען האָט פאַרטראַכט פון בוים אַ תליה מאַכן.

דער פּאַטריאַרך פון אַלע מערדער — קין
פאַרטראַכט האָט טויטן מיט אַ טויט אַ נייעם.

דער בוים איז אַקוראַט דערפאַר געוואַקסן:
ער גרייכט דעם קרבן — איבער זיינע אַקסלען.

און ווען מען האַקט פון אים אַראָפּ די צווייגן —
וועט ער שוין פאָלגן שטילערהייט און שווייגן.

צו וואָס דערצייל איך איצט אַזעלכע זאַכן? —
דער טויט איז שוואַרץ אויף אַלע זיינע שפּראַכן.

און וויל איך וויל דעם בוים פון טויט באַפרייען —
דער לעצטער דאַרף אויף אים צו הענגען קין.

אין וועג

די ערד איז באַפרייט, נאָר די היים איז צעשטערט,
אויף יעדער מיין פרייד איצט אַ שאָטן דאָ לויערט.
אָט זע, ווי איך גיי אויף ווייסרוסישער ערד —
מיט אויגן אין פרייד און נשמה אין טרויער.

דער גאָלדענער בלעטער־פאַל איז מיר באַקאַנט
און היימיש — דער ווינט אין זיין האַרבסטיקן וואָיען.
אָט זע, ווי איך גיי צו ווייסרוסישן לאַנד —
מיט אויגן אין פרייד און נשמה אין טרויער.

איך ווייס, אַז אום ווינטער־נעכט, שטיל און געהיים,
אָט דאָ, אויף די וועגן, געגאַנגען איז זאָיע,
און איצטער גיי איך דורך ווייסרוסלאַנד אַהיים
מיט אויגן אין פרייד און נשמה אין טרויער.

איך ווייס, אַז אויך ראָסין, מיין פריינט און פּאָעט —
אויף אים האָט פון ערגעץ דער טויט דאָ געלויערט,
און איצטער גיי איך צו ווייסרוסישע שטעט
מיט אויגן אין פרייד און נשמה אין טרויער.

דער וואַלד איז פאַרברענט, און דער וועג איז פאַרמעקט,
און ווו איז מיין היימישע טיר און מיין טויער?
עס פירט מיך מיין הארץ קיין ווייסרוסלאַנד אַוועק
מיט אויגן אין פרייד און נשמה אין טרויער.

אויף וועמען צו פרעגן איז מער נישט פאראן,
אין לאנד פון די קברים, פון תוהו ובוהו...
און איך גיי צו דיר, אָ, מיין לאנד — פּאַרטיזאן —
מיט אויגן אין פרייד און נשמה אין טרויער.

אלמא-אטא, 1944

אָן ייִדן

ס'איז שטיל אין אייראָפּע, די ערד איז צופֿרידן
נישטאָ מער קיין שוואַרצע, פֿאַרעקשנטע ייִדן,
וואָס פֿירן דעם אומרו אַרום איבער לענדער —
נישטאָ מער די בייזע בונטאַרן און הענדלער.
ס'איז שטיל אין אייראָפּע, די ערד איז פֿאַרשאָטן,
אַ דייטשישער טאַנק איז אַדורך און פֿאַרטראָטן.
דערנאָך האָט דאָס גראָז זיך גענומען פֿאַרדעקן
די שפּורן פֿון מאָרד און די בלוטיקע פֿלעקן.
דערנאָך האָט אַ נשרף אַ בוים זיך באַבלעטערט.
אויף אים האָט אַ פֿויגל צום הימל געקלעטערט
און ווידער געזונגען זיין נאַרישן זמר
צוקאָפּנס די קבֿרים פֿון ייִדישע קרעמער.

ס'איז שטיל אין אייראָפּע, די ערד איז אַ ווייכע
און ווייסט, ווי אַזוי צו פֿאַרמעקן דעם זכר
פֿון פֿאָלק, דעם קשי־עורף, וואָס האָט זיך געפּלאָנטערט,
מיט איינענער וואָך און מיט איינענעם יום־טובֿ,
מיט העזה אין בליק און מיט שאַרפֿע גרימאַסן —
דאָס פֿאָלק דאָס דערווײַלטע פֿון אַלע אויף האַסן.
ס'איז שטיל אין אייראָפּע, דער רוים איז אַ ריינער,
אין שטעט ליגט דער ברוק מיט געוואַשענע שטיינער,
און דאָרט, אין די געטאָס, די ווידערפּאַרבײַטע,
געדענקט שוין נישט קיינער די פֿרעמדע, די טויטע,
וואָס האָבן אַמאָל דאָ געוווינט און געפֿרייט זיך,
און האָבן ביים לעבן צום שטאַרבן געגרייט זיך.

כ'איז שטיל אין אייראָפּע, נישטאָ מער קיין יידן
פון טאַנק איז אַ טראַקטאָר געוואָרן אום פרידן,
ער האָט שוין צעאַקערט די ערד אויף די קברים,
אין וועלכע אַ פאָלק ליגט באַגראָבן געאָרעמט.
דער האַקנקרייץ שטייט אויפן פעלד — אַ סטראַשידלע.
דאָס דייטשישע לשון אויף שרעקן און זידלען
איז לאַנג שוין פאַריאָגט פונעם ווינט און פאַרגעסן,
און ס'ווערן די הימען מיט שלום באַזעסן.
נאָר איינער לויפט אַלץ נאָך אַרום דאָרט דערשיטערט,
ווי אונטער די פיס וואָלט די ערד אים געציטערט,
ווי אונטער די טריט וואָלט די ערד זיך געהויבן —
ער זוכט אַלץ זיין פאָלק, און ער קען אַלץ נישט גלויבן.

מאָסקווע, 1945.

מיין מאמע

מיין מאמע קומט אלץ נאָך צו חלום און רעדט:
פֿאַר וואָס פֿאַר אַ חטא? אָ, פֿאַר וואָס פֿאַר אַ חטא?

צי האָב איך צו ווייניק געשלעפּט נאָך דעם עול
צי האָב איך דען צופֿיל באַקלאָגט זיך אַמאָל
ווען כ'האָב די מאכלים אויף פּאַסנע געקאָכט,
מיט צרות און אַנגסטן דערצויגן די וואָך.
ווען ס'האָט נישט אום פֿרייטיק געשטייעט אויף פֿיש,
ווען ס'האָט נישט אויף שבת געשטייעט צום טיש:
קיין אורח, קיין ווײַן און — קיין ברויט צו דער זעט —
פֿאַר וואָס פֿאַר אַ חטא?

צי האָב איך דאָס איינציקע ייִדענע קלייד
וואָס כלהוויז האָט מען פֿאַר מיר נאָך גענייט,
נאָך ווייניק געהיטן און ווייניק געשוינט,
אַז ס'זאָל פֿון קיין שטויבן נישט ווערן פֿאַרברוינט,
און ס'זאָל אויף קיין שמחה נישט ווערן פֿאַרפֿלעקט —
בכדי איך זאָל מעגן דערמיט זײַן פֿאַרדעקט
אום שבת, ווען גאָט האָט געהערט מײַן געבעט —
פֿאַר וואָס פֿאַר אַ חטא?

צי האָב איך נישט אָפֿט מיט דעם אביון געטיילט
דעם מאָגערן גראָשן — צום טאָג צוגעציילט.
געשמאַקער געווען איז מיר דערמאָלט דאָס ברויט,
ווען ס'האָט איך דעם צווייטן געלינדערט די נויט.
איך האָב נישט געהאַלטן מײַן טיר אויפֿן שלאָס,
עס איז נישט געווען צוליב וואָס און פֿאַרוואָס:
אַ שטוב אָן עשירות, אַ בעט אויף אַ בעט —
פֿאַר וואָס פֿאַר אַ חטא?

געטראָפן האָט אויך, אַז אַ קינד האָט געפעלט,
אַ צווייטן גענומען פון מיר האָט די וועלט,
אַ דריטער איז בייז און פאַרעקשנט אַוועק
און האָט מיך פאַרטוישט אויף געפאַר און אויף שרעק.
און איך האָב געענטפערט, ווי ס'ענטפערט אַ פרוי,
ווי ס'ענטפערט אַ מאַמע: די האָר ווערן גרוי,
און איך האָב געגלייבט: ס'איז נאָך אַלץ נישט צו שפּעט...
פאַר וואָס פאַר אַ חטא?

די איינזאַמקייט מיינע אין שלאָפלאָזע נעכט,
דערפאַר, וואָס די קינדער פאַרשטייען מיך שלעכט,
דערפאַר, וואָס אויך איך קען זיי גוט נישט פאַרשטיין,
דערפאַר ווייל אין נויט מוז מען בלייבן אַליין,
דערפאַר וואָס אין זיי לויפט דאָס אייגענע בלוט,
איז ווי קאָן עס זיין, אַז זיי טוען נישט גוט,
און לויפן פון מיר אין די רווישיקע שטעט...
פאַר וואָס פאַר אַ חטא?

צי האָב איך פאַרדינט אַזאַ פינצטערע שטראָף,
צי האָב איך פאַרדינט אַזאַ סוף און אַ סוף?
מיין קינד זאָל נישט טרעפן שוין מער מיין געביין,
מיך זאָל אויף דער ערד נישט פאַרדעקן קיין שטיין,
נאָר וואָגלען זאָל איך אינעם אַש און אין שטויב
און זיין פאַר די הפקרע ווינטן צו רויב,
אַז שטאַרבן זאָל איך נישט אין אייגענעם בעט —
פאַר וואָס פאַר אַ חטא, אָ, פאַר וואָס פאַר אַ חטא?

יידיש, מיין טייערע שפראַך

אַזוי־אָ גנעזאָלט האָט דאָס זיין:
אויב ס׳איז נאָך געבליבן אַ ייד,
זאָל ער מיט אַ טאַנץ און אַ ליד
פאַרבלוטיקט אין אומקום אריין.

אַזוי האָט אַ דייטש דאָס פאַרקלערט:
מען פירט אים צום טויט אָן אַ קלייד.
אַ נאַקעטער, זינגט ער און גייט,
און האַלדזט זיך אַרום מיט דער ערד.

אוי, יידיש — מיין טייערע שפּראַך!
איך האָב דיך ביי דייטשלאַנד גערויבט,
אויף פּוילישע שליאכן פאַרשטויבט —
ביסט לעבן געבליבן, ביסט וואַך!

מיט דיר הייב איך ווידער איצט אָן:
איך לערן זיך זינגען אויפסניי
צוזאַמען מיט מיר וועסטו פריי
פון שוידער, פון שרעק, פון זשאַרנאָן...

ניין, ניין, ס׳איז נאָך וויט צו אַ סוף —
דו האָסט איצט אַזוי פיל די ווערט,
ווי ס׳איז אויף דער פּוילישער ערד —
מיין פאָלק אין זיין אייביקן שלאָף.

איך טראָג דיך אַצינד אין מיין טויל,
דו לעבסט און דאָס בלוט דיינס נאָך ברימ.
ס׳וועט סטאַיען גענוג פאַר מיין ליד —
גענוג פאר שנעון און גרויל.

איך טראָג דיך ארוים אין דער וועלט
און נעם אָפּ פאר דיר דאָרט אַן אָרט.
דערציילן וועסטו וועגן מאָרד
מיט יידישע צייכנס צעשטעלט..

די טענה פון אן אלטן ייד

פאַרוואָס גיסטו אויס אויף מיין קאָפּ גאָר דיין צאָרן
און וואַרפסט מיך אַרום אינעם אייביקן וואָגל?
געגאַנגען צופּים כ'בין, אויף שיפן געפאָרן
און אומעטום האַקט אין די אויגן דער האָגל.
פאַרוואָס שיקסטו מיך נאָר אַרום אויף די וועגן,
ווו כ'דאַרף זיין דער ערשטער און שפּעטער—דער לעצטער,
און קומען צוריק, און נאָך שמייכלען פאַרלעגן
מיט אויגן אין בלוט און אין טרערן פאַרזעצטע?
און דו האָסט אברהם דעם זיידן געשוווירן,
דער זכר נאָך אים זאָל פאַרשניטן נישט ווערן,
און שפּעטער, ווען יעקב די שאָף האָט געשוירן —
געוויזן די קינדער ווי זאַמד און ווי שטערן.
די קינדער, די שטילע, זיי זענען געגאַנגען
צום אייביקן לעבן, ווי דו האָסט געהייסן:
זיי האָבן די פּייל און דאָס מעסער, דאָס לאַנגע
מיט לייכטזין געלאָזן אינגאַנצן פאַר עשיו...
איצט קום איך, מיין גאָט, פונעם אייביקן וואַנדער,
איצט קום איך, אַ מידער, מיין גאָט, און איך מעלד דיר:
דיין פאָלק איז שוין ווידער געוואָרן פאַרוואַנדלט
אין יעקבס משפּחה אין פּוילישע וועלדער.
איצט קום איך, מיין גאָט, פונם עמק־הבכה —
פון שפּאַניע, פון האָלאַנד, פון דייטשלאַנד און פּוילן —
איצט קום איך און זאָג דיר, אַז גוט וואָס צעבראָכן
האָט משה די לוחות! פאַר אָט דעם בית־עולם
מען דאַרף קיין געזעץ נישט, מען דאַרף נישט קיין נביא,
מען דאַרף נישט אפילו דו זאָלסט זיך דערבאַרמען. —
געווג איז שוין איצטער דער כותל־מערבי,
וואָס ווערט אָפּגעהיטן פון ענגלאַנדס זשאַנדאַרמען.

מיט שוים אויף די ליפּן

מיט שוים אויף די ליפּן, מיט בלוט אין די אויגן —
איך ווייס, אַז ליד קאָן צום זינגען נישט טויגן
איך ווייס, אַז ליד קאָן נישט ווערן געפעלן,
נאָר איך וויל דעם שקר מיט רייד נישט פאַרשטעלן.
דער מערדער איז אַלין אויף דער ערד נאָך פאַראַנען,
ער פרעסט, און ער זויפט, און ער איז נאָך מונה
ער גייט אין געדראַנג מיט די יום־טוב־המונים.
באַהאַלט זיך אויף רוישיקע מערק צווישן קונים,
און דאָרט ווו מען שרייט — שרייט ער לויב דעם נצחון,
און דאָרט ווו מען שווייגט — איז ער נכנע, צעבראָכן
אין יובל — זיין שטימע די ערשטע ווערט הערן,
אין אומגליק — ער שעמט זיך נישט ווייזן די טרערן.

און אַלע וואָס האָבן געזוג שוין די שרעקן —
זיי העלפן אים צו און זיי פרווון פאַרדעקן.
איך ווייס, אַז די שנאה איז זיי שוין דערעסן,
זיי ווילן דעם מאָרד און דעם מערדער פאַרגעסן,
און גרייט זענען זיי אים אין זיך צו פאַרמישן,
צוזאַמען זיך זעצן ביי חתונה - טישן,
און וויינען מיט אים אונטער איין דאַך אינייגעם,
און טיילן מיט אים אַ געלעגער, אַ ריינעם,
און שניידן דאָס אייגענע ברויט מיט זיין מעסער,
און היטן זיין רויב מיט די אייגענע שלעסער.

איך ווייס עס, איך ווייס עס, די שוואַכקייט פאַרשטיי איך.
נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אַז מיר גייט נאָך זיין ריח,
איך פיל אים דאָ נאָענט, ער גייט דאָ דערנעבן,
ער טיילט זיך מיט מיר — מיט דער לופט, מיט דעם לעבן,
נאָר איך קאָן מיט אים אויף דער ערד דאָ נישט וווינען,
איך קאָן אים נישט טרויען, איך קאָן אים נישט שוינען. —
דער מערדער איז אַלץ אויף דער ערד נאָך פאַראַנען:
דאָס גראָז, וואָס דערזעט אים, זאָל אָנהייבן וויאַנען,
די פרוכט פאַר זיין אָטעם זאָל אָנהייבן פוילן,
דער פויגל אין פלי — אין זיין בליק זאָל פאַרקוילן,
אויף אים זאָל מען קוקן דורך יידישע אויגן —
פאַר אים זאָלן לידער צום זינגען נישט טויגן.

מאַמע, מאַמע, מאַמע מיין

פאַרגיב מיר אַלע קרומע גענג,
לייג דיין קאָפּ, לייג דיין קאָפּ.
דאָס וויג־ליד דיינס, וואָס איך געדענק,
גיב איך דיר אין בלוט איצט אָפּ.

דיין זון איז ווידער ווי אַ קינד —
גאַנץ אַליין, גאַנץ אַליין.
ער וואַקלט זיך אין לייכטן ווינט,
דאַרפסט אים ווידער לערנען גיין.

פאַרגעסן האָט ער דעם דערפאָלג —
ווייטער רויש, ווייט פאַררוישט.
ער וואָלט דיך איצטער שוין געפאָלגט
און אויף קיינעם איינגעטוישט.

ער וואָלט אין זייד דיך אָנגעטאָן —
האָב און גוטס, האָב און גוטס.
ער וואָלט געזעצט דיך אויבנאָן —
שיינענדיק און אויסגעפּוצט.

און קיינמאָל נישט געלאָזן מער
איין און איין, איין און איין.
און וואָלט פון גאָס גערופן ווער,
וואָלט ער קורץ געענטפערט: ניין.

און איצטער זוכט ער דיך ארום
טאָג און נאכט, טאָג און נאכט.
נאָר ווו ער גייט און ווו ער קומט —
שטייט ווער קעגן אים און לאכט.

ער טראָגט אַרום אַ טרערן־קנויל
טיף אין האַלדז, טיף אין האַלדז.
לפּנים וועגן, אויף זיין מויל —
בלאָס דער שמייכל שפּילט נאָך אַלץ. — — — —

מאַמע, מאמע, מאַמע מיין,

פאַרגיב מיר אלע קרומע גענג,
לייג דיין קאָפּ, לייג דיין קאָפּ.
דאָס וויג־ליד דיינס, וואָס איך געדענק,
גיב איך דיר אין בלוט איצט אָפּ.

.1946

דאָס ליד פונעם וואַלד-ייד

אָ, קינד מיינס, האלט פעסטער זיך אָן אין מיין האנט —
מיר דארפן איצט ווידער זיך זוכן אַ לאנד.

ווי גרוים און ווי שיין ס'איז די גליקלעכע ערד,
נאָר אונדז בלויז איז דאָרט דאָס געלעכטער פאַרווערט.

פון מענטש מיט געווער ווערט באוואכט יעדע שטאָט,
און ס'זיוכעט פון וויטן דער הונט אונדזער טראָט.

דעם שונא גיט אוים אונדז דאָס גראָז אינעם פעלד
און שטעמפּלט אָפּ יעטוועדן טראָט וואָס מען שטעלט.

עס ווארט אונדז פארטאיעט וועד אָפּ אינעם וואלד —
אוין דאָרט האָט דער שונא אַ מענטשלעך געשטאַלט.

אויף שטיקער געמאָסטן, צעטיילט איז די וועלט,
אַ מענטש מיט געווער היט זיין שטיק און פארשטעלט. —

וווהין זשע דיך פירן, וווהין מיט דיר גיין?
אַז יעדער פאַרוויילט זיך מיט אונדזער געוויין.

אַז אָט אַזאַ ריח פארמאָגט אונדזער בלוט,
אַז נאָר ווען עס גיסט זיך— מען זאָגט, אַז ס'איז גוט.

דער הימל הענגט נידריק, די ערד האָט אונדז פיינט;
ס'פאַראַט אונדז די זון — זי פאראט, ווען זי שיינט.

און ס'טראָגן די ווינטן אַרום אונדזער שטויב,
און ס'טיילן זיך וואָרעם און מענטש מיט דעם רויב.

דער וואָרעם עסט־אויף בלויז דאָס האַרץ און די הויט,
דער מענטש — נעמט צו אַלץ, וואָס עס בלייבט נאָכן טויט.

ער ציט אָפּ דאָס קלייד פונעם קאַלטן געביין,
און רייסט פונעם מויל אויס די גאָלדענע ציין.

ער טוט אויף זיין אייגענעם גוף אָן דאָס קלייד
און טראָגט עס אַרום אויף זיין יום־טוב און פרייד.

די ציין שטעלט ער איבער צו זיך אינעם מויל
און לאַכט פאַר דער וועלט — צו איר שטוינונג און גרויל.

1945

מיר זענען געגאַנגען אינצווישן די וועכטער
אינצווישן דעם רוצחישן, קאַלטן געלעכטער.

און איר האָט מיט גלייכגילט געגאַפּעט אויף ראָגן,
און איר האָט מיט גלייכגילט געקוקט, ווי זיי שלאָגן.

די הערצער אין אַש און די אויגן — פאַרלאָשן,
פאַרגעסן האָט איר שוין דאָס מענטשלעכע לשון.

צי האָט פון אייך עמעץ געפּרוווט זיך צעשרייען?
און ווער האָט איין טראָט כאָטש באַגלייט די לוויה?

געווען. יאָ, געווען. און נישט איינער, נישט איינער,
וואָס האָט אונדז פון הינטן באַוואָרפן מיט שטיינער.

איך קען זייער שוואַרצע, פאַרשקלאַפטע נשמה,
וואָס טאַנצט ווי אַ ראָב אום אויף יעדער מלחמה.

פאַר געלט איז זי גרייט יעדן גאָט זיך צו טויפן,
מיט מעל און מיט צוקער קען יעדער זי קויפן.

דאָס האָבן זיי, זייערע קינדער און ווייבער,
געשלעפּט די מלבושים פון בלוטיקע לייבער.

דאָס האָבן זיי, זייערע זין און די טעכטער,
פאַרדעקט אונדזער אומקום מיט פּוסטן געלעכטער.

און שפּעטער געטיילט זיך מיט יידן־ירושה,
דערביי צווישן זיך, זיך צעשלאָגן אָן בושה.

אין יידישן אַטלעס און זייד זיך געסטראַיעט
און שכורע חתונה־לידער געוואַיעט.

געליינגט זיך אין יידישע בעטן אויף קינדלען,
די קינדער געוויקלט אין יידישע ווינדלען. —

איך קען אייך, געציילטע, זאָך קען אייך, די בעסטע,
נאָר איך וועל מיט אייך זייער אומשולד נישט מעסטן.

ווייל איר האָט אין הויז מיט די מערדער געגעכטיקט,
און איר האָט דעם מאָרד מיט דעם שווייגן באַרעכטיקט!

.1945

מיר איז שוין גוט

מיר איז שוין גוט, דו זעסט? איך בין שוין פריילעך,
איך בין איצט פון אַ קעניגרייך דער מלך.

און אייביק רואיק איז אין מיין מדינה,
מיין טראָן שטייט אין אַ יידישער מעלינע.

און אייביק איז דאָס לאַנד, ווו איך געוועלטיק —
די טויטע ווערן קיינמאָל שוין נישט עלטער.

די אייביקייט פּרוווט אלצדינג דאָרט פאַרשטיינען:
דעם זויג־קינד דאַרף מען מער שוין נישט אַנטוויינען.

די יונגע מיידלעך וואַרטן אויף חתנים,
אומזיסט — מען וועט זיי קיינמאָל נישט באַמאַנען.

מיין מאַמעס פּנים וועט זיך מער נישט קנייטשן —
צו אַלע גוטע בשורות איז זי גרייט שוין. — — —

אין שיינעם קעניגרייך ביי מיר איז פרידן,
מיט מעשים־טובים האַנדלען מיינע יידן.

איך בין דער קעניג און איך בין גערעכטיק
און דאָך — זיי קוקן אַלץ אויף מיר פאַרדעכטיק.

ווייל צווישן זיי — איך קריץ נישט מיט די ציינער,
מיט פליייש באַצויגן זענען מיינע ביינער.

און כאָטש איך וועל זיי סוף כל סוף געהערן —
זיי גלייבן נישט, ווייל כ'וויין נאָך אַלץ מיט טרערן.

ווייל בלויז אויף מיר איז נאָך דאָס לעבן שולט,
ווייל בלויז מיך איינעם האָט מען נישט דערקוילעט.

אויף פוילישע פעלדער

אויף פוילישע פעלדער — צעוואָרפענע ביינער,
אויף אַלטע בית־עלמינס — פאַרלאָזענע שטיינער —
ווער דאַרף זיי איצט האָבן?

די טויטע, אזוי ווי מען האָט זיי געלאָזן —
זיי ליגן און ווערן פאַרוואַקסן מיט גראָזן —
ווער וועט זיי באַגראָבן?

אַזוי ווי מען האָט זיי צעשאָסן צוזאַמען,
עס קלאַמערט זיך אַלץ נאָך דאָס קינד צו דער מאַמען —
ווער וועט זיך צעשרייען?

אַזוי ווי מען האָט זיי אין געטאָ פאַרשאָטן —
זיי ליגן אין זאַמד און אין ציגל פאַרקנאָטן —
ווער וועט זיי באַפרייען?

אין דערפער און שטעט שטעלט זיך איין שוין דער שלום,
זיי זינגען שוין לידער און קאָכן מאכלים
און לאַכן ביים עסן,

און מיינען, אַז טויטע קאָן קיינער נישט וועקן,
אַז אַלץ, וואָס מען קאָן מיט דער ערד נאָר פאַרדעקן,
מוז ווערן פאַרגעסן.

נאָך אונדז

נאָך אונדז וועלן אייביק פאַרבלייבן אין פּוילן
זכרונות, ווי וואָרצלען פון ביימער וואָס פוילן.

מיר וועלן אין קברים דאָרט לאָזן די זיידעס —
פון אייביקן אומגליק און אומרעכט די עדות.

נאָר מער וועט דער שניידער נישט לאַטן קיין קליידער,
זיין יינגל וועט מער שוין נישט זינגען אין חדר.

ס׳וועט יאַנקלען דעם פּאַכטער פאַרגעסן דער פּויער,
פאַרלירן זיין חן וועט דער פּוילישער טרויער.

פון שוואַרצע און זאַפטיקע פּוילישע פלוימען
וועט מער שוין נישט שמעקן מיט רות און מיט נעמין.

ס׳וועט מער נישט באַגלייטן דעם פּוילישן דעמער
דער יידישער אומעט, דער יידישער זמר.

אום האַרבסט וועלן מער שוין נישט רוישן די ביימער
מיט יידישן פּחד און יידישער אימה.

נאָר איינמאָל, קאָן זיין, אין פאַרנאַכטיקן כשוף,
וועט אויפשטיין צום לעבן אַ יידישער ישוב.

אַ שאָטן פאָרוים, מיט צעפלויגענע פּאָלעס,
וועט ווידער זיי פירן אין פּוילישן גלות.

1945.

אין דעם שיינעם ווארשע

אין דעם שיינעם ווארשע, אויף אַ באַרג מיט ציגל,
צווישן כלאם און מושב וואלגערט זיך מיין ווינגל.

און די רעגנס גיסן, און די ווינטן יאָגן,
און פון ווייטע פעלדער — ערד ווערט אָנגעטראָגן.

אין דעם שיינעם ווארשע, צווישן שטויב און שימל,
וואקסט אַרויס אַ וואונדער, בלויט אַ ליכטיק בלימל.

קיינער וויל נישט קומען, קיינער וויל נישט וויסן,
קיינער וועט דאָס בלויע בלימל נישט באַגיסן.

אין דעם שיינעם ווארשע, צווישן זאמד און שטיינער,
הייבט זיך אויף מיין מאַמע פון די טויטע ביינער.

זע, די ביינער ווערן שנעל מיט הויט פאַרצויגן,
זע, אין טויטן־שאַרבן שיינען העל די אויגן.

אין דעם שיינעם ווארשע, אויף דער וויג אַריבער,
בייגט זיך אָן מיין מאַמע און זי שעפּטשעט: „ליבער".

און זי זינגט דאָס ליד, וואָס קיינער וועט נישט הערן,
און זי טרינקט דאָס בלימל אָן מיט אירע טרערן.

1945

אַ טויטער בוים

אַלע ביימער זענען געוואָרן גרין,
בלויז איינער פון זיי איז אַראָפּ פונעם זין,
בלויז ער איז געבליבן פאַרלאָשן און שוואַרץ,
ווי ס'וואָלט נאָך דער ווינטער געווינט אין זיין האַרץ.

דער פויגל, וואָס זינגט, היפּערט שנעל אים פאַרביי:
נישט זינגען — נאָר רוען איז אויך נישט כדאַי
אויף אָט אַזאַ בוים, וואָס איז נישט ביי דעם זין
און איז נאָך אינמיטן פון פרילינג נישט גרין.

בלויז איינער אַ פויגל אַ שוואַרצער — דער ראָב —
ער שטעלט זיך און קראַקעט און רוט אויף אים אָפּ,
און רופט מיט זיין שוואַרץ און פאַרעקשנט געשריי
פון ערגעץ אַ ווינטער — דעם פראָסט און דעם שניי.

.1947

די שטראָף

די פויערטע ווייסט שוין מיט וואָס צו באַשטראָפן
איר קינד, ווען דאָס וויל אַלץ נישט ווערן אנטשלאָפן

„פון וואלד אַ קודלאטער, דער ייד וועט באלד קומען,
„אַ בו!״ — ווי אַ בער וועט ער הייזעריק ברומען.

אויב דו וועסט זיין שלעכט און נישט ווערן אנטשווייגן,
וועט ער ביי דיין וויגל זיך זעצן דיך וויגן.

און גלעטן וועט ער דיך מיט לאפע לאָכמאַטער
און זאָגן אז ער איז דיין אמתער טאַטע;

אַז איידער פון אים איז אַ בער נאָך געוואָרן,
האָט ער דיך אין יידישן שטעטל פארלאָרן.

געלאָפן מיט דיר איז ער דעמלט צוזאמען
און אויך מיט דיין שווארצער, משוגענער מאמען.

נאָר אייך האָט אַ הילכיקער קוויטש אָפגעשניטן,
און ער האָט אין וואלד אויף אַ בער זיך געביטן. — — — —

און אויב וועסט די אויגן נאָך אַלץ נישט פארמאַכן —
וועט ער אין דער פינצטערער שטוב זיך צעלאַכן.

ער וועט צו זיין האָריקער ברוסט דיך פארקלעמען
און שפעטער מיט זיך אינעם וואלד דיך פארנעמען״.

דאָס קינד ווערט אַנטשווינגן און האַלט איין דעם אָטעם
און זינקט אינעם שלאָף און אין קנויליקע שאָטנס.

נאָר פּונקט צו דער האַלב־נאַכט דער ייד קומט אים שרעקן;
און פּרוווט, ווי אַ בער, אים זיין פּנים באַלעקן.

דאָס קינד ברעכט פון חלום זיך אויס מיט געוואַלטן,
און לויפט צו דער מאַמען אין בעט זיך באַהאַלטן.

ליד וועגן גליק

פידלער שוין גענוג געשוויגן!
שנייד די שטילקייט מיט דיין סמיק.
אָט אַזוי הייב אָן דעם ניגון
וועגן שווערן וועג צום גליק.

ווייל א מנהג איז פאַראַנען,
אז ביי יידן אויף א פרייד
זאָל דאָס פידעלע דערמאַנען
וועגן טרויער וואָס פאַרגייט.

כישוף ווידער אוים די לאַנדשאַפט
ווו איך בין געווען א קינד.
ווו איך האָב געשלאָסן קאַנטשאַפט
מיט דעם טרויער און דעם ווינט.

שטעל פון חורבות אויף דאָס געטאָ
און פון שטויב שטעל אויף מיין הויז,
ווו איך בין פון קינדער = בעטל
אויף דער גרויסער ערד ארוים.

ווייטע, ווייסע, בלויע טויבן,
עפנט אויף דעם פליגל=פאָך,
ווי איר פלעגט צו יענע שויבן
ברענגען פרייד אין גרויער וואָך.

ווי זשע פּאַסן זיך דעם פליגל
צו מיין היים אין פּיין און נויט? —
דאָך פון זיי ציט זיך דער ניגון
אין מיין ליד פון בונט און ברויט.

פידלער, שוין גענוג געשוויגן —
דיינע פינגער פעסטער דריק.
אָט אַזוי שפּיל איצט דעם ניגון
וועגן שווערן וועג צום גליק.

היפּער איבער צענדליק יאָרן,
פיר מיך ווידער אין דער שטאָט
וווּ מיין יוגנט האָט געשוואָרן,
וווּ עס האָט מיין פויסט געדראָט.

פאָנען, פאָנען, רויטע פאָנען —
נעמט מיך איין אין אייער רויש!
נישט געענדערט איז מיין פּנים
און מיין האַרץ איז נישט פאַרטוישט.

ווי איך בין אַמאָל געגאַנגען
מיט אַ פאָלק אַנטקעגן בליי
און פון הונדערטער געראַנגלען
אויפגעהויבן זיך אויפסניי.

נישט די זון בלויז, נישט די שטערן —
אַלץ וואָס איז געווען פאַרוועדט,
אַלץ האָט מיר געדאַרפט געהערן
ווי דעם בירגער פון דער ערד.

נאָר פאר מיר איז אלץ געשטאנען
עמעץ מיט זיין בלינדן האס,
בלויז כדי מיך צו דערמאָנען,
אז מיין ערד איז דזשיקע - גאס.

פידלער, שוין גענוג געשוויגן —
איצט די סטרונעס פעסטער דריק.
און אזוי שפיל איצט דעם ניגון
זועגן שווערן וועג צום גליק.

יאָרן זענען אָפּגעפלאָסן
נאָר מיין הארץ איז אלץ נאָך יונג.
כאָטש נישטאָ שוין די פאַרדראָסן
און אַן אנדער ליד איך זינג.

נאָר עס לעבט נאָך אלץ דער גלויבן
אָפּגעציטערט, אָפּגעהיט.
און אין זומער-פּלי פון טויבן
זענען שורות אָנגעגליט.

טויבן, ווייטע, ווייסע, בלויע —
ווו אהין זענט איר אוועק?
צי האָט אייך פארדעקט א מויער,
צי האָט אייך פאריאָגט די שרעק?

קומט אהערצו, קומט איך בעט אייך
און דערציילט מיר גאנץ גענוי,
ווי אזוי עס גייט אין געטאָ
צו דעם טויט אַן אלטע פרוי.

וואָס, איר פרעגט ביי מיר דעם נאָמען
און א סימן ווילט איר אויך?
זוכט אין פייער פון מלחמה —
זוכט מיין מאַמע אינעם רויך.

זוכט נישט, זוכט נישט, ווייל דאָס פייער
פון איר גוף לעבט נאָך און ברענט,
און אין אלע ווינטן פרייע —
גייט זי מיט צעשטרעקטע הענט.

פידלער, שוין גענוג געשווינגן —
קוק זיך מער נישט אום צוריק!
אַט אזוי שפיל איצט דעם ניגון
וועגן שווערן וועג צום גליק.

אויב געבליבן איז א זכר,
כאָטש א צווייגל פון א בוים —
זאָל עס ווידער פרווון גרייכן
פון דעם גרונט ביז בלויען רוים.

כ'האָב פארפלאנצט זיך אין דעם באָדן
און עס שלאָגט שוין אָן דער זאפט.
און מיט פרוכטבארקייט געלאדן
ריזלט אין מיין גוף די קראפט.

זע, איך שטיי שוין לעבן שטאמען
און א צווייגל - גרין מיין קינד.
איר געשטאלט דערמאָנט מיין מאמען,
וואָס לעבט אַלץ נאָך אינעם ווינט.

און דער רעגן גיסט אָן ווידער
און באַפעלט מיך: לעב און בלי!
און עס שמעקט אין מיינע לידער
מיט דעם פריען אינדערפרי.

פידלער - שפּילער אויף דעם פידל —
צי ביז שטילקייט אוים דעם סמיק.
ענדיק אָט אַזוי דעם ניגון
וועגן שווערן וועג צום גליק.

ווייל א מנהג איז פאראנען,
אז ביי יידן אויף א פרייד
זאָל דאָס פידעלע דערמאָנען
וועגן טרויער, וואָס פארגייט.

אינהאלט:

		זייט
I. ווארשע - 1939 (פּאָעמע)	5 — 38	
II. דורך שאָטן און שיין		
* * *	41	
איך בין דאָ	42 — 43	
זיי ווידער באַגריסט	44 — 45	
לעצטע וואַנדערונג	46 — 47	
דערמאָנונג	48 — 49	
די ערד	50 — 51	
באַפרייט	52 — 43	
יאַנואַר	54 — 55	
צום פליער	56	
זיי רואיק	57 — 58	
שפּיל	59 — 60	
א ווייטע, א וואַרשעווער נאַכט	61 — 62	
ביים בוג	63	
הער מיך אויס	64 — 65	
ליבשאַפט	66 — 67	
דאָס זילבערנע גלעקל	68 — 69	
מיין לעבן	70 — 71	
פון אַמאָל	72 — 73	
יעדע זאַך, וואָס גייט אוועק	74 — 75	
באַגעגעניש	76 — 77	
גייענדיק דורך מאָסקווע	78 — 79	
ביים לעגין = מאַוזאָליי	80 — 81	

		זייט
דער העלד	82	83 —
גרייט	84	85 —
מיין מאמע אין געטאָ	86	87 —
אָפּקלאַנג פון דונער	88	89 —
א בוים	90	91 —
דער זומער איז לאנג שוין פארגאנגען	92	93 —
* * *		94
דער טרויער		95
פאראן אזא ליד	96	97 —
* * *		98
הורך שאָטן און שיין	99	100 —

III. אין רויך און אין פייער

אָנזאָג		103
אז ווייל איז דעם ווינט		104
צי איז עס אן אמת	105	106 —
געסט	107	108 —
ספּאַלינס רייד	109	110 —
* * *		111
רויטע הימלען, שווארצע ביימער	112	113 —
פּעטרישטעווער תליה		114
אין רויך און אין פייער		115
מערער מעש דערלאנג, אָרקעסטער!		116
טויזנטער מיילן		117
ערב פרילינג		118
העלד	119	120 —
אנדערש		121
גליק		122
באלאדע	123	124 —
איך, דער לעצטער		125
אויף מערב	126	127 —
אין ווארשעווער געטאָ, איז חודש ניסן	128	130 —
אנטרינען		131
אין שאָטן		132
ירושה		133
נישטאָ		134
פארגעסן, פארגעסן	135	136 —

	זייט
אויף א באנק	137 — 138
נקמה	139 — 140
אין וואלד	141 — 142
א מעשהלע	143 — 144
צום לאַנד אָן געוויין	145 — 146
מיין ניגון	147 — 148
דיין ביאָגראפיע	149 — 160
געדענק נאָר	161
צום בוים און צום דרויסן	162
1944	163
א בריוו פון פרייסן	164 — 165
איך לעב	166
פאַר דעם, וואָס וועט נישט קומען	167 — 168
אויפן רויטן פלאץ	169 — 170
אזוי גייען יידן צוריק אין אייראָפּע	171 — 172

IV. נאָכן חורבן

נאָכן חורבן	175
נישט פון קיין ווייטער נסיעה	176 — 177
א פרייליכס	178 — 179
א מאָל איז געווען	180
ישראל שטערן	181 — 182
חרוב	183 — 185
דענקמאָל	186
צו דיר	187
איך בין געבליבן	188
ווען איך וואָלט געקענט	189
טרייסט	190 — 191
קליינקעפ	192
טויטע געשטאלטן	193
טו א נדר	194
תליה	195
אין וועג	196 — 197
אָן יידן	198 — 199
מיין מאַמע	200 — 201
יידיש, מיין טייערע שפראך	202 — 203
די טענה פון אן אלטן ייד	204

זייט

מיט שוים אויף די ליפּן	206 — 205
מאמע, מאמע, מאמע מיין	208 — 207
דאָס ליד פונעם וואלד - ייד	210 — 209
צו —	212 — 211
מיר איז שוין גוט	213
אויף פּוילישע פעלדער	214
נאָך אונדז	215
אין דעם שיינעם ווארשע	216
א טויטער בוים	217
די שטראָף	219 — 218
ליד וועגן גליק	224 — 220

Druk. R.S.W. „Prasa"
Łódź, Narutowicza 32
D- 30752